NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02114

TSEN KINDER FORSHTELUNGEN

Samuel Zabludovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל און וועליע זאבלודאָווסקי

צען קינדער פֿאַרשטעלונגען



אַרויסגעגעבן פֿון דער י.-ל. פּרץ-שול אין מעקסיקע

1972

צייכענונגען:

קריינדל לאַנדוי-סאַלאַמאָנאָוויטש

„הזעגן טײַערע באַגלייטער, וואָס האָבן מיט זייער ליכט אונדזער
וועג באַשײַנט,

זאָג ניט מיט באַדויערן: — זיי זײַנען נישטאָ;

זאָג מיט דאַנקבאַרקייט: — זיי זײַנען געווען!״

⁂

אָט די פֿיר שורות, וואָס כ׳האָב מיט אַ צײַט צוריק געלייענט בײַ פֿאַר מיר אַן אומבאַקאַנטן רוסישן דיכטער, האָבן מיר עטוואָס געהאָלפֿן דורכ־מאַכן די געוואַלדיקע שווערע חדשים, וואָס זײַנען צעטיילט געוואָרן אין אַזוי פֿיל טעג און נעכט, זינט דעם ערשטן יאָר נאָך שמואלס פּלוצעמדיקן טויט — דעם 1טן יולי 1971.

וועל איך קענען געבן אַן אָפּשאַצונג פֿון שמואלן, דעם זעלטענעם מענטש, ניט פֿאַרבינדיק עס צו פֿיל מיט שמואלן, מײַן אַזוי געליבטן מאַן, נאָך וועמען איך בענק אַזוי שטאַרק? — עס איז זייער שווער און איך ווייס ניט, צי עס וועט מיר געלינגען. נאָר איך וועל פּרווון:

אַ ייִד, אַ וואַרעמער, אַ דורכויס ייִדישלעכער ייִד, איז געווען מײַן מאַן שמואל. כאָטש ער איז געקומען קיין מעקסיקע נאָך אַ יונגער בחור, קוים אין די אָנהייב פֿון זײַנע צוואַנציקער יאָרן, איז ער אָבער געבליבן מיט זײַן גאַנצן מהות, מיט זײַנע אַלע פֿעדעם פֿון זײַן פֿײַן פֿילנדיקער, איידעלער נשמה, אַ פּראָדוקט פֿון זײַן ביאַליסטאָק — עיר ואם בישראל. ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן בײַ אַ טאַטן, אַ משׂכּיל, אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם וואָס האָט געצויגן זײַן שוואַכע חיונה פֿון אַ חדר־מתוקן, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין אָרעם שטיבעלע, און בײַ אַן איידעלער, צאַרטער מאַמען. ער, דער ייִנגסטער פֿון צען קינדער, האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם גאַנצן צער פֿון אַן אָרעמער, יחוסדיקער משפּחה, ווו די קינדערלעך פֿלעגן זינגען אַ לידעלע „מאַמע, איך וויל עסן!״ און די מאַמע פֿלעגט נעבעך מוזן ענטפֿערן — „קינדערלעך, ס׳איז נישטאָ!״ אָט יענער ניגון האָט אים פֿאַרפֿאָלגט און צו דער זעלביקער צײַט באַגלייט זײַן גאַנץ לעבן.

אפֿשר דערקלערט זיך דאָס זײַן פּשטות, זײַן פֿאָלקסטימלעכקייט, זײַן אידענטיפֿיצירן זיך אויף אַזוי פֿיל מער מיטן ייִדיש־ריידנדיקן פּשוטן ייִדן, ווי מיטן שבת־יום־טובֿדיקן אַריסטאָקראַט. און אַוודאי און אַוודאי האָט ער פֿײַנט געהאַט און איז אַנטלאָפֿן פֿון סנאָביזם און פּוסטן אָנשטעל.

ווײַל ערלעך ביז גאָר איז געווען שמואל. ערליך מיט זיך אַליין, ער־ליך לגבי אַלע אַרומיקע, צי ס'איז געווען אין זײַן פּריוואַטן לעבן אָדער גאָר פֿאַרבונדן מיט זײַן פּראָפֿעסיע. ער האָט קיין מאָל נישט געזאָגט איין זאַך און געמיינט עפּעס אַנדערש. ער האָט געזאָגט דאָס וואָס ער האָט געפֿילט, דאָס, וואָס ער האָט געמיינט — אָן דריידלעך, אָן קונצן — דירעקט און אָפֿן. ווײַל ער האָט קיין מאָל נישט געלעבט מיטן געדאַנק „צי עס פּאַסט", אָדער „וואָס וועלן מענטשן זאָגן". ער האָט געלעבט פֿאַר זיך און פֿאַר די וועמען ער האָט ליב געהאַט און געשעצט און ניט פֿאַר „יענעם".

קלוג איז געווען שמואל. ער האָט פֿאַרמאָגט אין זיך אײַנגעבוירענע חכמה צוזאַמען מיט לעבנס־געניטשאַפֿט און דערצו — אַ זעלטענעם זכרון. ער האָט דערקענט און אָפּגעשאַצט מענטשן כמעט מאָמענטאַל און זעלטן אַ טעות געמאַכט אין זײַן אָפּשאַצונג. ער האָט געהאַט אַ גלײַכן קלוגן קוק, סײַ אויף מענטשן, סײַ אויף סיטואַציעס. און באַגלייט איז די דאָזיקע אייגנ־שאַפֿט זײַנע געווען פֿון אַ זעלטענעם חוש פֿאַר הומאָר. ער האָט נישט דערציילט קיין וויצן, ער האָט זיי בפֿירוש געשאַפֿן. ער פֿלעגט עפּעס אַ זאָג טאָן און עס איז געווען אַזוי בליציק, אַזוי אומגעריכט, אַז ס'האָט אַרויסגערופֿן צוויי רעאַקציעס בײַ די אַרומיקע: ערשטנס, אַ הילכיק, גע־זונט געלעכטער, און צווייטנס — פֿלעגט דער צוהערער זיך פֿאַרוואונדערן: — „ווי איז עס מיר ניט אײַנגעפֿאַלן?".

שמואל איז געווען געוואַלדיק סענסיטיוו. ער האָט דערפֿילט דעם קלענסטן ניואַנס פֿון אַ גוט וואָרט, אָדער פֿון אַ באַליידיקונג און אויפֿן מאָמענט גלײַך אויף דעם רעאַגירט. ווײַל בײַ שמואלן איז נישט געווען קיין קלײַנגילטיקייט. האָט ער עמעצן ליב געהאַט, האָט ער אים ליב געהאַט מיט לײַב און לעבן. האָט ער עמיצן נישט פֿאַרטראָגן — האָט ער עס אָפֿילו נישט געפּרוווט באַהאַלטן. ווײַל אַזוי איז ער געווען שמואל: אויפֿ־ריכטיק, שטימונגספֿול, מיט האַרץ און נשמה איבערגעגעבן צו זײַנע נאָענ־טע און אין דעם וואָס ער האָט געגלייבט. און ער האָט זיך אויך שטענדיק איבערגענומען פֿון די אַלע עוולות וואָס רינגלען אונדז אַזוי אָפֿט אַרום און ער האָט לײַדנשאַפֿטלעך גלײַך אויף דעם רעאַגירט.

כאָטש פֿון פֿאַך אַ צאַנדאָקטער, האָט שמואל געהאַט טאַלאַנט און אַ „שוואַכקייט" צו דער פּען. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט אים אַ ברי טאָן צו נעמען די פֿעדער אין האַנט אַריין און ער האָט זיך אָפֿט געדרוקט אין די היגע יידישע צײַטונגען מיט זײַן אָריגינעלן סטיל. ספּעציעל האָט ער גע־שריבן וועגן גרויסן חורבן פֿון מזרח־איראָפּעיִשן יידנטום, וואָס האָט אַזוי מוראדיק אומגעבראַכט זײַן גאַנצע משפּחה. ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן האָט ער באַוויינט זײַנע טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, וואָס ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין איינעם פֿון זײַנע ווײ־לידער נאָך זיי: „יידן זײַט איר פֿון מיליאָנען — מײַנע זײַט איר פֿון געבוירן".

און דערפֿאַר איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס זײַנען ייִדישע שולן, ייִדישע קינדערלעך און ייִדישער קיום, געווען אַזאַ אינטעגראַלער טייל פֿון זײַן לעבן. ער איז קיין מאָל ניט געווען קיין אָפֿיציעלער מיטגליד פֿון קיין שום פּאַרטיי: צו ענג איז געווען פֿאַר אים די פּאַרטיי־פּאָליטיק; צו פֿיל אינדיווידואַליסט, צו אַלזײַטיק איז ער געווען, כּדי צו נעמען דירעקטיוון פֿון וועלכער עס איז פּאַרטיי. אַלץ וואָס נעמט אַרום און האָט אַ שײַכות מיט ייִדישן לעבן — דאָ, צי אין ניו־יאָרק, אין אַרגענטינע צי אין אויסטראַליע און אוודאי און אוודאי אין מדינת־ישׂראל, איז אים געווען נאָענט צום האַרצן.

אָט די צען פֿאַרשטעלונגען, אַ העלפֿט פֿון די צוואַנציק וואָס מיר האָבן צוזאַמען אָנגעשריבן און באַאַרבעט, זײַנען אַ מוסטער פֿון שמואלס טאַלאַנט, סענסיטיווקייט, חכמה און האַרציקייט. בײַ יעדער סוף־יאָר־אונטערנעמונג, פֿלעגט שמואל זיצן צווישן עולם אין זאַל און זײַנע אויסדרוקספֿולע אויגן פֿלעגן זיך אָנפֿילן מיט הייסע טרערן ווען ער פֿלעגט הערן ווי קלײנע ייִדישע מעקסיקאַנער קינדערלעך, זאָגן און זינגען אַ ייִדיש וואָרט.

דאָס דאָזיקע ביכל איז געווידמעט אים — מײַן טײַערן, בשמהדיקן מאַן און חבֿר שמואל זאַבלודאָווסקי. און אויב מע וועט ערגעץ ווו אַ מאָל אויפֿפֿירן אײנע פֿון די צען פֿאַרשטעלונגען, און אַ ייִדיש קינד וועט ריידן ייִדיש און ייִדישע טאַטע־מאַמע וועלן אָנקוועלן פֿון נחת, וועלן שמואלס טרערן דאָרט, ווו עס זאָל נישט זײַן, הענגען אין דער לופֿטן.

ווערליע זאַבלודאָווסקי


שלום

אונדזערע יום־טובים

מען הערט שפּילן די מוזיק פון „עקסאָדוס" (פּלאַטע). עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג.

די דעקאָראַציע: לויט דער צייכענונג.

עס ווערט שטיל. אויף דער סצענע זיצן אויסגעזעצט אין א קרייז ווייסע טײַבעלעך. פון מיטן, הייבט זיך אויף איין טײַבעלע, גייט צו צום ברעג פון סצענע און זאָגט: (זי טראָגט אויפן ברוסט א גרויסן, בלויען קאָנווערט מיטן אויפשריפט — לשנה־טובה).

טײַבעלע:

פליען, פליען טײַבעלעך
שיינינקע ביז גאָר.
טראָגן אין די שנעבעלעך
א ווונטש צום נײַעם יאָר.
א גוט יאָר דיר, מאַמעלע;
טאַטעלע — א גוט יאָר.
א גוט יאָר אײַך, קינדערלעך
זינגען מיר אין כאָר.

טאַנץ פון טײַבעלעך

ווען זיי ענדיקן טאַנצן, בלײַבן זיי אויסגעזעצט, אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס אויף דער סצענע.

עס קומט אַרויס א קינד, אָנגעטאָן ווי א חזן. ער שטעלט זיך אויף א טרעפּל, מיטן פּראָפיל צום עולם און בלאָזט שופר. (פון הינטער דער סצענע בלאָזט מען מיט אן אמתן שופר).

שמואל און װעלע זאַבלודאָװסקי

איין קינד זאָגט:

קומט נאָר אָן דער פֿרילינג,
בליען בלומען, גראָזן.
קומט אָן ראש־השנה,
הערט מען שופֿר בלאָזן.

עס לויפֿט ארויף אַ צווייט קינד און זאָגט צום ערשטן:

לשנה־טובה דיר,
אַ גוט יאָר!

ערשט קינד:

גם־אתם — אַ גוט יאָר דיר!
אַ גוט יאָר אַלע ייִדן.

ביידע קינדער זינגען:

טאַטעלע, מאַמעלע
נאַט אײַך אַ מתּנה.
אַ שיין לשנה־טובהלע,
אַ װוּנטש פֿאַר ראש־השנה.
אַ גוט יאָר װינטשן מיר
אַ גליקלעך און צופֿרידן
פֿאַר אײַך און יעדן גוטן פֿרײַנד
און אַלע, אַלע ייִדן!

עס טאַנצן אַראָפּ די טײַבעלעך, צוזאַמען מיט די קינדער.
עס קומט ארויף **איין קינד און זאָגט:**

ס'איז אריבער ראש השנה
פֿול מיט נײַ־יאָר װוּנטשן.
אָפּגעפּאַסט יום־כּיפּור —
אַ גאַנצן טאָג געדאַוונט.
דאַרף מען איצט זיך שטעלן בויען

אַ סוכּהלע, אַ קליינע און אַ שיינע.
איז זיך געקומען צו דער אַרבעט, קינדער.
גיכער, שנעלער, מאַכט עס שיין און גוט!

טאַנץ פון אַרבעטער (וואָס בויען די סוכּה אויף דער סצענע).

זינגען: „אַ סוכּה, אַ קליינע".

איין קינד זאָגט:

געענדיקט שוין דער יום־טובֿ סוכּות
ס'איז פריילעך אָן אַ שיעור —
שמחת תּורה שטייט שוין ביי דער טיר.

חסידישער טאַנץ — (מיט קליינע תּורהלעך)

איין קינד זינגט:

קינדער, מיר האָבן היינט שמחת־תּורה
שמחת־תּורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תּורה איז די בעסטע סחורה,
אַזוי האָט דער רבי מיט אונדז געקנעלט.

כאָר: איי, איי, איי,...

איין קינד זאָגט:

העכער, העכער הייבט די פאָן
און זאָל הילכן אייער ליד.
שמחת תּורה איז געקומען
דאַרף זיך פרייען יעדער ייִד.

עס קומען אַרויף קינדער מיט פענער און ליכטעלעך.

אײן קינד זאָגט:

אַ פֿאָן מיט אַ ליכטעלע,
מיט אַ רויטן עפּל.
טאַנץ מיט דער תּורה
אַ געזונט אין דײַן קעפּל.

טאַנץ פֿון די קינדער מיט די פֿענער

זײ ענדיקן צוזאַמען מיט די חסידימלעך. עס פֿלעכטן זיך דורך — אַ קינד מיט אַ תּורהלע און אַ קינד מיט אַ פֿאָן.

זײ טאַנצן אַראָפּ.

אויף דער סצענע װערט שטיל און טונקל. דורכן מיקראָפֿאָן הערט מען זאָגן דאָס װײַטערדיקע: (בשעת מע רעדט, שטעלן די קינדער אויס אַ חנוכּה־מנורה. אַכט קינדער קומען אַרויס, און צינדן יעדער אײנער אָן אײן ליכטל און שטעלן זיך אויס, אײנציקװײַז, אונטער אַ רער פֿון דער מנורה).

דורכן מיקראָפֿאָן:

פֿאַר די װוּנדער פֿון אַ מאָל,
פֿאַר די װוּנדער אויך פֿון הײַנט.
צינד אַ ליכטל אָן, מײַן קינד.
צינד אַ ליכטל אָן, מײַן פֿרײַנד.
העלער שײַנען זאָל דאָס ליכט,
אין דער פֿינצטער פֿון דער נאַכט.
און דערציילן נאָך אַ מאָל —
װי אַ פֿאָלק האָט אויפֿגעװאַכט.

ליד: „חנוכּה, אוי חנוכּה"

טאַנץ פֿון חנוכּה־ליכטלעך.

זײ ענדיקן און שטעלן זיך צוריק אונטער דער מנורה.

איין קינד:

מיר זײַנען שטאָלצע ליכטעלעך
צוזאַמען אַלע אַכט.
מיט טאַנצנדיקע פֿײַערלעך,
באַלײַכטן מיר די נאַכט.

צווייט קינד:

ס'איז חנוכה, הײַנט חנוכה,
גוט איז מיר אַצינד!
ווײַל איך בין, איך בין
אין בין אַ ייִדיש קינד.

טאַנץ פֿון דריידלעך

ליד: (סאָלאָ) „איך האָב אַ קליין דריידל"

עס לויפֿט אַרויף אַ פּאַיאַץ און זאָגט:

הײַנט איז פּורים
מאָרגן איז אויס.
גיט מיר אַ גראָשן
און וואַרפֿט מיך אַרויס.

טאַנץ פֿון פּורים־שפּילער (מיט גלעקעלעך און גראַגערס).

לידער:

„הײַנט איז פּורים קינדער"; „פּורים שיין, פּורים פֿײַן".

איין קינד זאָגט:

לאָמיר שיקן שלח־מנות
המן־טאַשן, נים און ווײַן.
לאָמיר שיקן הײַנט מתּנות

צו חברים און צו פֿרײַנד.
זאָלן וויסן טאַטע־מאַמע,
זאָלן וויסן גרויס און קליין —
אַז מע פֿרייט זיך היינט צוזאַמען
קיינער איז ניט היינט אַליין.

טאַנץ פֿון שלח־מנות־טרעגערינס.

ליד: „יאַכנע דוואָשע".

עס ווערט שטיל אויף דער סצענע.

איין קינד זינגט:

ליבע קינדער, עס קומט שוין באַלד
אונדזער שיינער יום־טובֿ צו גיין.
זאָגט־זשע קינדער, ווער עס ווייס,
ווי דער ליבער יום־טובֿ הייסט?
און עס ענטפֿערן קינדער אין כאָר:

אַלע:

יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן אַלץ קלאָר.
יאָ, מיר ווייסן געווויס
ס'קומט דער פסח מיט ניס
און מיט כּוסהלעך וויין —
לאָמיר אַלע פֿריילעך זיין!

בשעת דאָס קינד זינגט, גרייטן עטלעכע קינדער צו דעם פּסחדיקן סדר־טיש: וויין, כּוס, לייכטער; בלומען און מצה. די קינדער זעצן זיך אוים אַרום טיש. איין קינד מיט אַ קליין בערדל, מיט ווייסער יאַרמולקע און קיטל, זעצט זיך אויבן אָן אויף אַ גרויס קישן. (היסב־בעט). וואַשט די הענט מיט קרוג איבער אַ שיסל. און מאַכט קידוש איבערן וויין.

ברוך אתה יי אלוהינו מלך העולם
בורא פּרי הגפן.

אַלע: אמן!

איין קינד, דאָס קלענסטע, פֿרעגט די קשיות.

אַלע זינגען: „חד־גדיא, חד־גדיא".

טאַנץ פֿון ציגעלעך.

די קינדער בלײַבן זיצן בײַם פּסח־טיש. די ציגעלעך זעצן זיך אויס אין אַ זײַט.

עס הערט זיך אַן אַראַבישע מוזיק.

עס קומט אַרויף איין קינד, אַ גרעסערס, אָנגעטאָן ווי אַן **אַמאָליקער** פּרעה — מיט אַ גרויסער נאָז און וואָנצעס ענלעך צו נאַסערס. ער האַלט אַ טשײַניק אין האַנט. נאָך אים, גייען קלייניקע אַראַבערלעך. **זיי** פֿירן פֿון פֿאָרנט אַ גרויסן קעמל (אויף רעדלעך) און צו לעצט, לויפֿט נאָך איין אַראַבערל מיט אַ קליין קעמעלע.

זיי דרייען זיך אַ פּאָר מאָל דורך צום קלאַנג פֿון דער אַראַבישער מעלאָדיע. פּרעה שטעלט זיך אָפּ און אַראַבערלעך באַהאַלטן זיך הינטער אים. ער קלאַפּט אין טשייניק און זאָגט:

שאַ, שטיל זאָל זײַן! מאַכט אַ וואָרע!
כ'בין פֿון מצרים שוין דער לעצטער פּרעה.
אַלע ווייסן גוט מײַן נאָמען —
ווײַל מײַן זיידע איז געווען המן.
דאָס לאַנד ישׂראל איז פֿאַר ייִדן
בין איך אין כּעס און נישט צופֿרידן.
איך בין גרויס און איך וויל קריג —
ווײַל שטאַרקער בין איך פֿון אַ פֿליג...

פֿון צווייטער זײַט, צו מוזיק פֿון שיר־הפּלמח, קומט אַרויף **משה** — אָנגעטאָן מיט אַ באָרד, סאַנדאַלן און קאַפּאָטע, ווי משה רבינו. ער טראָגט אויך אַ סאָלדאַטסקע היטל און פֿאַרשטעלט איין אויג ווי משה דיין. אין האַנט האַלט ער אַ גרויסן משה רבינו־שטעקן.

הינטער אים: **ישראל סאָלדאַטעלעך:** — דרײַ ייִנגעלעך און צוויי מיידעלעך.

די מיידעלעך טראָגן לענטעס אויף די אַרבל מיטן אויפשריפט ח"ן אַלע טראָגן כאַקי־קאָסטיומען און סאָלדאַטסקע היטעלעך.
מאַרשירן דורך אַ פּאָר מאָל צו מוזיק.

דיין גייט צו צו פּרעהן־נאַסער און זאָגט:

שאַ, שטיל זאָל זײַן!
האַק ניט מער קיין טשײַניק!

שטעלט זיך מיטן פּנים צום עולם און זאָגט מיט שטאָלץ:

איך בין משה, דער באַרימטער גענעראַל!
באַקאַנט בין איך איצט אומעטום און איבעראַל.

(צו פּרעהן)

מענטשן זײַנען מיר דאָ טאַקע ביידע,
וויסן אָבער דאַרפסטו —
אַז בר־כוכבא איז געווען מײַן זיידע.
איך קום אַהער פון ישראל, ס'לאַנד פון ייִדן.
מיר ווילן ניט קיין קריג, נאָר רויִקייט און פרידן.
פּרובירן זאָלסטו נאָר די האַנט אויפהייבן.
וועלן מיר נאָך שטאַרקער זײַן פון לייבן!

ווען ער ענדיקט ריידן, לויפן די קליינע אַראַבערלעך אַרום, פאַלן, הייבן זיך אויף און לויפן ווײַטער ביז זיי לויפן אַראָפּ און לאָזן פּרעהן־נאַסערן אַליין.

דיין מאַכט אַ באַוועגונג נעענטער צו נאַסערן. פירט אים אָפּ אָן אַ זײַט. דרייט אים אויס מיט דער פּלייצע צום עולם און זאָגט:

איך האָב פאַר דיר אַ גוטע עצה:
דריי זיך אויסעט מיט דער פּלייצע.
לאָז די קינדער טאַנצן, שפּרינגען,
פריילעך זיין און שיינע לידער זינגען.

ישראל טאַנץ

ליד: „אונדזער לאַנד האָט פֿעלדער־וועלדער“.

צו מוזיק פֿון **„עם ישׂראל חי“** מאַרשירן אַרויף אַלע אָנטיילנעמער. שטעלן זיך אויס אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס.

איין קינד זאָגט:

עם ישׂראל חי!
דורך די בערג עס שוועבט אַ ניגון
אַלע שטערן זיך צעוויגן.
עם ישׂראל חי!
אַלע וועלטן הערן, הערן —
קיינער וועט מײַן פֿאָלק צעשטערן.
עם ישׂראל חי!





יצחק-לייבוש פּרצעס אייניקלעך

פֿאַרן פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג, זאָגט

איין קינד:

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער ייִדישער שרייבער.
זײַן נאָמען איז געווען פּרץ.
אונדזער שול הייסט די פּרץ־שול.
מײַן לערערקע זאָגט, אַז מיר זײַנען פּרצעס אייניקלעך.
מײַן לערערקע זאָגט, אַז פּרץ האָט ליב געהאַט
ייִדישע קינדערלעך אין שול און אין קינדער־גאָרטן.
און איצט —
אַז איר וועט אַלע זיצן שאַ און שטיל
ליבע גוטע פֿרײַנד,
וועלן מיר אָנהייבן די שפּיל
וואָס הייסט:
פּרצעס אייניקלעך — אַמאָל און הײַנט!

עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג. הינטן — אַ לאַנגע באַנק און אַ טיש. ליידיק.

עס קומט אַרײַן אַ טיפּ, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר י.־ל. פּרץ מיט אַ שוואַרצן הוט, אַ פּעלערינע און וואָנצעס. ער שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צום עולם

און זאָגט:

ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע —
מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען.

איין קינד זאָגט:

אַט איז פּרץ פון אַמאָל,
כאָטש ס'איז ניט זײַן שטים
און נישט זײַן קול.
ווען ער געלעבט אַמאָל האָט דאָרטן,
אַנדערש איז געווען דער קינדער־גאָרטן.
אַנדערש האָט דאָס קינד געלעבט —
אָבער זײַן אידעע הײַנט נאָך שוועבט.
ער האָט געפּלאַנצט אַ גרויסן גאָרטן,
פון לידער, מעשיות אַלע סאָרטן.
ער האָט מעשׂהלעך ווי בלימעלעך פּאַרזייט
און מיר, אייניקלעך, ציען ווײַטער אָט די קייט.

דורכן מיקראָפאָן הערט זיך דאָס ליד „אויפן פּריפּעטשיק ברענט א פייערל". אונטער די קלאַנגען פון ליד, נעמט דאָס קינד אָן פּרצן און פירט אים אַראָפּ.

איצט לויפן אַן חדר־יינגלעך. זיי זעצן זיך אויף דער לאַנגער באַנק. אַ רבי מיט אַ קאַנטשיק קומט נאָך. ער זעצט זיך אויבנאָן בײַם טיש.

זינגט:

זאָגט זשע קינדערלעך,
געדענקט זשע טײַערע,
וואָס איר לערנט דאָ.
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל
און טאַקע נאָך אַ מאָל
קמץ־אַלף־אָ!

מימישער טאַנץ פון חדר־יינגעלעך (בײַם לערנען)

עס לויפן אַרויף קינדערלעך — דער אַלף־בית.

— א

איך בין דער סאַמע ערשטער אות,
אַלע קינדער ווייסן דאָס.

ב —

איך בין פֿאַרמאַכט פֿון זייַטן דרייַ —
די פֿערטע זייַט איז שטענדיק פֿרייַ.

ג —

אויף איין פֿיסל קען איך שטיין.
אויף איין פֿיסל, גרינג און שיין.

ד —

נאָר אַ ווענטל מיט אַ דאַך —
מערער האָב איך ניט קיין זאַך.

ה —

איך בין שוין אַ פֿאַרטיק הויז.
נאָר איין וואַנט — זי פֿאַלט אַרויס.

ו —

שרייַבסטו ווינטער, וואַסער, ווייַן —
מיט צוויי וואָוון שרייַב עס פֿייַן.

ת

איך קום צום סאַמע, סאַמע סוף.
דער לעצטער, אות — דער ת.

טאַנץ פֿון די אותיות

רבי:

לערנט קינדערלעך, לערנט פֿייַן.
קוקט אין די אותיעלעך, די קלייניקע אַרייַן.

קינדער שאָקלען זיך צו. רבי הייבט זיך אויף אַרויסצוגיין. קינדער כאַפּן, בגנבה, בליקן ווי ער גייט אַרויס און גלייך הייבן זיי זיך אויף און הייבן זיך אָן צו שפּילן.

עס הערט זיך ליד:

אונטער די גריניקעביימעלעך,
שפּילן זיך משהלעך, שלומהלעך.
ציצות, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך
ייִדעלעך פֿריש פֿון די אייעלעך.
פֿאַרטראַכטן זיך טיף און פֿאַרקוקן זיך
אויף נעכטיקע טעג און אויף פֿייגעלעך.
אוי, מיר זאָל זײַן ייִדישע קינדערלעך
פֿאַר איײַערע כּשרע אייגעלעך.

קינדער מאַכן אַ קרײַז. פֿאַרבינדן איינעם די אויגן.

שפּיל און ליד:

אַלע:

האָצמאַך איז אַ בלינדער.

בלינדער:

ווו זשע זײַט איר קינדער?
אַנטלויפֿט זשע ניט אַצינדער.

אַלע:

מיר זײַנען אַלע דאָ!

בלינדער לויפֿט נאָך קינדער. כאַפּט איינעם. דעם וועמען ער כאַפּט זעצט פֿאַר זינגענדיק —

לאַ־לאַ־לאַ־לאַ...

אַ פּאָר קינדער לויפֿן אַראָפּ. עטלעכע לויפֿן אַרום דעם טיש. עס הערט זיך אַ קלאַנג ווי מע וואָלט צעבראָכן אַ שויב.

צו מעלאָדיע פֿון „מאָטעלע", קומט אַרויף אַ טאַטע וואָס פֿירט אַ קינד, האַלטנדיק אים פֿאַר אַן אויער. זעצט אים אַוועק אויף אַ שטול. דער טאַטע שטייט.

טאַטע:

(זינגט אָדער זאָגט)

וואָס וועט דער סוף זײַן מאָטל, זאָג זשע מיר,
ביזט ערגער נאָך, פֿון פֿריִער געוואָרן.
באַקלאָגט האָט זיך דער רבי הײַנט אויף דיר
אַז דו דערגייסט אים זײַנע יאָרן.
צי איז דאָס שיין פֿאַר ייִדן, זאָג אַליין —
מיט טויבן זיך אַרומצוויאָגן?
האָסט פֿריער, מאָטל, ווידער מיט אַ שטיין
דעם שכנס שויבן אויסגעשלאָגן.

קינד:

נישט אמת טאַטע, ס׳איז נאָר קוים אַרוים
אַ שטיקל שויב, מען קען׳ס צוקלעפּן.
איך יאָג זיך נישט, איך קוק זיך צו נאָר בלויז
ווי שיין די טייבעלעך, זיי שוועבן.
ווי פֿרײַ זיי שפּרינגען זיך אַרום אין הויף,
ווי שיין די קערנדלעך זיי פּיקן.
ווי שנעל זיי גיבן זיך אַ לאָז אַרויף
ווען זיי אַ פֿרעמדע טויב דערבליקן.

צו זעלבער מעלאָדיע פֿליען אָן טײַבעלעך.

טאַנץ פֿון טײַבעלעך

ליד:

טײַבעלעך, טײַבעלעך
ווײַסינקע, שיינינקע.
קינדערלעך, קינדערלעך
ריינינקע, קליינינקע.
רעדעלעך, רעדעלעך
דרייען זיך, דרייען זיך
ייִנגעלעך, מיידעלעך
טאַנצן און פֿרייען זיך.

צום סוף לויפֿט דאָס קינד, צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער, נאָך נאָך די טײַבעלעך. טאַטע בלײַבט אַליין. שאָקלט מיטן קאָפּ.

זאָגט:

אײַ מאַטל!
דו װעסט שוין קײן לײַט ניט זײַן.

עס פֿאַרמאַכט זיך אויף אַ װײַלע דער פֿאָרהאַנג.

פֿאַרן פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג זאָגט **איין קינד:**

האָף, ניט װײַט איז שוין דער פֿרילינג
עס װעלן שמעטערלינגען שפּרינגען
נײַע נעסטן, נײַע פֿייגל
װעלן נײַע לידער זינגען.

דערװײַל, נעמט מען צו דעם טיש מיט דער באַנק. מען שטאַט אויס אַ סצענע, ענלעך צום איצטיקן, מאָדערנעם, קינדער־גאָרטן: אַ פּאָר רונדע טישן מיט שטולכעלעך; קינדערשע צייכענונגען אויף די װענט; שפּילצייגן און אַז״װ.

צװייט קינד זאָגט:

עפֿנט דעם טויער, עפֿנט אים ברייט.
עס װעט דאָ אַדורכגיין אַ גאָלדענע קייט:
דער טאַטע,
די מאַמע,
דער ברודער,
די שװעסטער.
און די אייניקלעך אין מיטן —
אויף אַ גאָלדענעם שליטן.

עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג. קינדער דרייען זיך אין אַ קרײַז. שפּילן זיך **און זינגען:**

אין קרײַיז, אין קרײַיז
שפּילן מיר געשווינד.
אין קרײַיז, אין קרײַיז
געדרייט זיך ווי אַ ווינט.

איין קינד:

— איך וויל זײַן מיקי־מויז!

ליד און שפּיל:

שמעלט זיך קינדער אין אַ קרײַז
אַלע זײַנען מיקי־מײַז.
מיקי־מײַזל, מיקי־מויז:
קום אַרײַן — און גיי אַרויס!
דאָ אין מיטן ליגט אַ קעז.
גנבע זיך אַרײַן און עס!
מיקי־מײַזל, מיקי־מויז —
קום אַרײַן און גיי אַרויס!

ענדיקן שפּיל. זעצן זיך אויס אין אַ האַלב־קרייז.

אַ מיידעלע זאָגט:

איך האָב ליב מײַן ברודער,
און איך האָב ליב מײַן שוועסטער.
און פֿון אַלע טאַטעס —
מײַנער איז דער בעסטער!
מער פֿון אַלע — האָב איך ליב מײַן מאַמען.
איך וועל זײַן אַ גרויסע —
איך וועל זײַן אַ מאַמע!

אַ יינגעלע זאָגט:

און אַז איך וועל זײַן אַ גרויסער —
איך וועל זײַן אַ טאַטע!

אַ צווייט יינגעלע, אַ פֿעסטער יאַטל, זאָגט:

איך וויל ניט זײַן קיין מאַמע!
כ׳האָב נאָך צײַט צו זײַן אַ טאַטע.
און ווײַל איך בין אַ שטאַרקער יאַט —
וועל איך זײַן אַן אַסטראָנאַט!

אַלע:

אַן אַסטראָנאַט?!

קינד:

אַן אַסטראָנאַט!

איין מיידעלע זאָגט:

אוי, איז איציקל אַ יינגעלע אַ כוואַט!
ער וויל גאָר זײַן אַן אַסטראָנאַט.

צווייטע מיידעלע זאָגט:

הער זיך אײַן, דו גרויסער העלד:
קלייבסט זיך פֿליען אין די הימלען —
ווילסט דאָרט זען אַ נײַע וועלט,
זע אין וועג דו זאָלסט ניט דרימלען
און ניט זיך טרייסלען דאָרט פֿון קעלט!

דורכן מיקראָפֿאָן, הערט זיך די צווייטע סטראָפֿע פֿון י. מאַנגערס ליד „אויפֿן וועג שטייט אַ בוים”:

זאָגט די מאַמע,
ניטע קינד —
און זי וויינט מיט טרערן.
קענסט חלילה אויפֿן וועג,
מיר פֿאַרפֿרוירן ווערן.
זאָג איך מאַמע, ס׳איז אַ שאָד
דײַנע שיינע אויגן.

און אײדער װען און אײדער װאָס,
בין איך מיר אַ פֿויגל.
װײנט די מאַמע
איציק-קרױן,
נעם אום גאָטעס װילן —
נעם כאָטש מיט דעם שאַליקל,
דו זאָלסט זיך ניט פֿאַרקילן.
די קאַלאָשן נעם אויך מיט,
ס'גייט אַ שאַרפֿער װינטער.
און די קוטשמע טו דיך אָן,
װײ איז מיר און װינד מיר.

בשעת מע זינגט דאָס ליד, טוען אים די קינדער אָן אַ שאַליקל און קאַלאָשן, ברילן און הימל פֿון אסטראָנאַט. עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ קעסטל פֿון קאַרטאָן, ענלעך צו אַ ראַקעט, מיט אַ לאָך פֿאַרן קאָפּ. קינדער פֿירן אים אַרײַן אין ראַקעט און מע ציט אים אַרויף מיט אַ שטריק און ער פֿאַרשווינדט מיטן אַפּאַראַט.

מע ציט אַראָפּ אַן אַפּאַראַט, װאָס זעט אויס װי אַ טעלעװיזיע, װאָס פֿאַרנעמט כמעט די גאַנצע סצענע, מיט אַ ראַם און קנעפּלעך.

לאָקטאָר:

— ליבע פֿרײַנד:
מיר װעלן אײַך װײַזן הײַנט —
זייער שיינע בילדער.
איציק דער אַסטראָנאַט,
איז אין הימל אַװעקגעפֿלויגן.
ער װעט זען זאַכן דאָרט
פּשוט ניט צום גלייבן.

(פּויזע)

איציק, װי אַ ייִדיש קינד
איז אין ישׂראל גלײַך געקומען.
און די קליינע סאַברעלעך
האָבן צו אַ טענצל זיך גענומען.

ישׂראל־טאַנץ

ליד:

אונדזער לאַנד האָט פֿעלדער, וועלדער
גרינס און פֿרוכטן אַלע סאָרטן.
אונדזער לאַנד האָט מילך און האָניק
אַלע זינגען, טאַנצן דאָרטן.
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

לאָקוטאָר:

איציק איז אַ גליקלעכער
פֿון ישׂראל אָפּגעשוווּמען.
אין אַ נײַע, ווײַטע לאַנד
איז ער אָנגעקומען.
און ס'איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסע נײַס.
זען די זעלבע קינדער שוואַרץ —
און ניט ווײַס!

טאַנץ פֿון שוואַרצע — אַפֿריקאַנער

דורכן מיקראָפֿאָן:

און פֿריץ האָט געזאָגט:
ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע
מישט די פֿאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זײַנען ברידער —
פֿון איין טאַטן, פֿון איין מאַמען.

לאָקוטאָר:

און איציק דער אַסטראָנאַט
פֿליט אַלץ ווײַטער אין זײַן אַפּאַראַט
און קומט אָן,
אויף אַ נײַעם אָרט —
ווו ס'געפֿינען זיך
ייִנגעלעך און מיידעלעך
פֿון אַן אַנדער סאָרט.

און ער זעט —
דורך זײַנע אויגן-גלעזער
אַז די מענטשן דאָרט
זײַנען אמתע כינעזער!

טאַנץ פֿון כינעזעלעך

ליד:

טשינג-טשאַנג-טשו.
ווער ווייסט ווו?
טשינג, טשאַנג, טשו
ווער ווייסט ווו?
זײַנען די כינעזעלעך
מיט די קורצע נעזעלעך.
טשינג, טשאַנג, טשו
ווער ווייסט ווו?
ייִנגלעך טראָגן קליידעלעך
מיידעלעך קורצע הייזעלעך.

לאָקוטאָר:

און איצט,
איז איציקל פֿאַרפֿלויגן —
גאָר, גאָר ווײַט!
אָנצוקומען דאָרט —
נעמט גאָר אַ לאַנגע צײַט.
ס'איז נאָך קיין מענטש,
דאָרטן ניט געווען.
אָבער אונדזער איציק זאָגט,
ער האָט עס אַלץ אַליין געזען.
גלויבט עס יאָ,
גלויבט עס ניט,
ער האָט געמאַכט אַזאַ געוועט:
אַז אין די הימלען דאָרט
אַוווּ ער פֿליט
האָט ער געזען דעם מאַרס-פּלאַנעט.

טאַנץ — מאַרסיאַנער

מע לאָזט צוריק אַראָפּ דעם אַפּאַראַט מיטן אַסטראָנאַט. עס שטעלן זיך אויס אַרום אים: אַ חדר־ייִנגל, אַ קינד פֿון קינדער־גאָרטן, אַ כינעזער, אַ אַפֿריקאַנער, און אַ ישׂראלדיקער.

איין קינד זאָגט:

דער קינדער-גאָרטן בײַ דער פּרץ-שול
האָט דורכגעפֿירט אַ יום-טובֿ הײַנט.
אַ ביסעלע אמת און צום מערסטן — חלום.
ס'איז געווען אַזאַ מין שפּיל.
מיר וועלן שטענדיק אַלץ געדענקען
מיט אַ סך ליבע און געפֿיל.
ווײַל מיר הייבן איצט אָן לערנען,
ווי אַמאָל אין חדר —
הײַנט — אין שול.
איצט ווי פֿריער
זײַנען מיר די זעלבע קינדער,
כאָטש די וועלט מיט אַסטראָנאַוטן פֿול.
און איך זאָג:
אין נאָמען פֿון די קינדער און די לערער
אַ דאַנק אײַך אַלע
פֿאַרן קומען, זען און הערן.
מיר וועלן טאַנצן, זינגען מערער
ווען מיר וועלן גרעסער ווערן.





פּינאָטשאָ

אין דער גרויסער וועלט פֿון קינדער קליינע,
ווערט דערציילט אַ מעשהלע, אַ קורצע און אַ שיינע.
ס'איז אַ יינגעלע געמאַכט פֿון האָלץ,
וואָס טראָגט אַ מאָדנעם נאָמען זייער שטאָלץ —

פּינאָטשאָ!

אָבער, ווי אין יידיש קלינגט עס פֿרעמד,
און ס'איז שווער אַ גראַם צו מאַכן,
ווען מיר זיין נאָמען איבערמאַכן:
פנחס וועט ער ביי אונדז הייסן.
און כאָטש צום נאָמען אויך ניטאָ קיין גראַם,
האָט עס אָבער יידיש טעם!

אין אַ שטעטעלע,
הארט ביים גרענעץ,
שטייט אַ שטיבעלע —
גרוים ווי אַ גענעץ.
דאָס שטיבעלע איז קליין,
און שיין.
און אין שטיבעלע
ווױנט אַן אַלטיטשקער
איינער אַליין.
און וואָס טוט אַ מאַן, אַן אַלטער,
אין אַ שטיבעלע אַ קאַלטער?
— ער מאַכט דאָרט צאַצקעס אַלערליי,
רייכערט טאַבאַק
און טרינקט זיך טיי.
ער האָט אַ האַמער און אַ צוואַנג,
מאַכט ער ליאַלקעס מיט געזאַנג.

וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען
האָט דער אַלטיטשקער געמאַכט
קינדערלעך צום שענקען:
אַ קעצעלע אַ שיינס;
אַ פֿישעלע אַ קליינס;
אַ פֿידעלע וואָס שפּילט
אַ הינטעלע וואָס בילט;
אַ זייגער אויף דער וואַנט
וואָס באַוועגט זיך נאָך אַנאַנד;
ליאַלקעס פֿול מיט שטאַלץ
און סאָלדאַטעלעך פֿון האָלץ.

* איין מאָל
שפּעט בײַ נאַכט,
האָט דער אַלטער גוטער מאַן
געמאַכט —
אַ יִינגעלע, אַ פּראַכט!

ווען דאָס קינד, וואָס גיט דעם אַרײַנפּיר, הייבט אָן צו זאָגן „איין מאָל", הייבט זיך ביסלעכווײַז אָן עפֿענען דער פֿאָרהאַנג. מע זעט אַלטן שניצער בײַ דער אַרבעט און זײַן אַרבעטס־צימער. די פֿריערדיקע אויסגערעכנטע שפּילצײַגן זײַנען אויסגעזעצט און אויסגעהאַנגען אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס.

ער האַלט מיט שטריק, ווי אַ מאַריאָנעט, פּינאָטשאָן.

ער זינגט און באַוועגט ליאַלקע:

היפּ־האָפּ
הילצערנער קאָפּ
טו אַ דריי זיך
אַרויף־אַראָפּ!

שטעלט אויף ליאַלקע און זאָגט:

לאָמיר נאָר פּרובירן
צי דו קענסט אַליין זיך רירן?

לאָזט אָפּ שטריקלעך און ליאָלקע פֿאַלט אַראָפּ. בלייבט אין זיצנדיקער, האַלב־אָנגעשפּאַרטער פּאָזיציע.

אַלטער:

(אומעטיק)

אוי, ביסטו אַ גולם!
שעמסט זיך גאָרניט פֿאַרן עולם?
ביזט אָן שכל,
אָן פֿאַרשטאַנד,
טוסטו דאָך גאָרניט
אָן מײַן שטריקל, אָן מײַן האַנט.

אַלטער קוקט אויף ליאָלקע און זאָגט:

ווי אַ ייִנגל זעסטו אויס.
ס׳פֿעלט דיר לעבן בלויז!
כ׳וועל סײַ־ווי אַ נאָמען איצט דיר געבן,
כאָטש דו האָסט קיין לעבן.
פּנחס וועסטו הייסן!
אײַ, וואָלט איך געוואָלט,
זאָלסט אַ קינד זײַן אויף אַן אמת!
נאָר ווי איז דאָס געמאָלט?
קענסט ניט ריידן,
קענסט ניט גיין. —
כ׳וועל שוין מוזן זײַן אַליין!

(הייבט אָן אַראָפּגיין פֿון סצענע)

מילא, בעסער ניט געטראַכט.
ס׳איז שוין שפּעט —
אַ גוטע נאַכט!

סצענע בלייבט ליידיק. עס טאַנצט אַרויס אַ גראָזשפּרינגער:

איך בין אַ גראָזשפּרינגער.
אַ חיהלע אַ קליינס.

פֿאַר פּנחסן, דעם הילצערנעם —
אַ חברל אַ שיינס.
איצט וויל איך ס׳זאָל פֿריילעך זײַן.
ס׳איז אומעטיק אין הויז!
איר אַלע —
ליאַלקעס, שפּילצײַג
אויף די ווענט —
קומט אַראָפּ,
צענעמט די הענט,
באַווײַזט נאָר וואָס איר קענט!

עס קומט אַראָפּ פֿידעלע פֿון וואַנט. זינגט:

כ׳בין אַ קליינער שיינער פֿידל,
שפּיל איך מיר אַזוי אַ לידל:
דאָ־רע־מי־פֿאַ־סאָל
־לאַ־סי!
שפּיל איך מיר אַזוי —
טידל־דיי!

עס קומט אַרויף אַ צווייט פֿידעלע —

זינגט:

הענגען סטרונעס,
דין און לאַנג,
ביז דער סמיטשיק רירט זיי אָן.
שפּילן זיי אונדז אַ געזאַנג
מיט אַ פֿריילעכן זיסן טאָן.

טאַנץ — פֿידעלעך

גראָזשפּרינגער וועקט קעצעל, וואָס ליגט אין אַ בעטעלע.

זאָגט:

שטיי אויף, דו פּעפּערקע, דו קעצעלע.
גענוג געשלאָפֿן דאָ שוין היינט!
לעק אוים דאָס ביסל מילך פֿון טעצעלע,
און טאַנץ פֿאַר דיינע גוטע פֿריינד.

קעצעלע לעקט מילך. באַלעקט זיך.

קינדער זינגען:

קעצעלע שוואַרצינקע,
אייגעלעך גרין.
אַ שפּרונג אַהער,
אַ שפּרונג אַהין.
קעצעלע שוואַרצינקע,
אייגעלעך גרין
מיאַו־מיאַו!

קעצל זאָגט:

איצט בין איך שוין זאַט און פֿריילעך!
ס'איז לעבעדיק אין הויז.
כ'וואָלט געפֿילט זיך ווי אַ מלך,
ווען איך קען פֿאַרבייסן מיט אַ מויז.

עס באַווייזט זיך אַ מייזעלע.

טאַנץ — קאַץ און מויז

צו מוזיק, הייבן ליאַלקעס זיך אָן באַוועגן.

גראָזשפּרינגער זאָגט:

זעט אַ וווּנדער,
זעט אַ כּישוף!
ליאַלקעס האָבן זיך באַפֿרייט.
טאַנצן, זינגען ווען זיי ווילן,
ס'איז פֿאַר זיי אויך איצט די צייט.

טאַנץ — ליאַלקעס

איין ליאַלקע זינגט:

מיר האָבן ליב ווען קינדער לאַכן.

(כאָר) כאַ־כאַ־כאַ!

ווען ליאַלקעס שיינע קונצן מאַכן.

(כאָר) כאַ־כאַ־כאַ!

אַ טאַנץ, אַ זונג, אַ לאַך, אַ שפּרונג.
מיר זײַנען קליינע קינדער־פֿרײַנד.
גענוג אויף הײַנט!
גענוג אויף הײַנט!

צווייטע ליאַלקע גייט צו צו סאָלדאַט און זאָגט:

נו, דו גרויסער העלד
טו שוין אויך וואָס דיר געפֿעלט,
(קאָקעטירט מיט אים)
אויב ב׳געפֿעל דיר אויף אַן אמת,
באַווײַז עס מיר אצינד.
רוף צענויף דײַן גאַנצע חברה —
באַוועג זיך גיך, געשווינד!

סאָלדאַט רופֿט אַנדערע מיט טראָמפּייט.

טאַנץ — סאָלדאַטן

איין סאָלדאַט גייט צו צו אַ טאָפּ וווּ עס ליגט אַ פֿישעלע און זאָגט:

גאָלדן פֿישעלע אין טאָפּ,
גענוג צו ליגן דאָ אַ נאַסער.
כאַטש דו האָסט אַ קלוגן קאָפּ,
לעבסטו שטענדיק נאָר אין וואַסער!

פּ י נ אָ ט ש אָ

פֿישעלע קומט אַרויס פֿון אַ גרויסן טאָפּ. טרייסלט זיך אָפּ. זינגט:

אַ פֿישעלע, אַ פֿישעלע
אין וואַסער איז געשווומען.
אין ראָד אַהער,
אין ראָד אַהער,
קיין עסן ניט געפֿונען!
מאָ קומט אַרײַן איר פֿישעלעך,
אין רעדעלע צוזאַמען.
אַ דרײַ אַהער,
אַ דרײַ אַהין,
און ברענגט אויך מיט דער מאַמען.

טאַנץ — פֿישעלעך

זייגער פֿון וואַנט זינגט:

כ׳בין אַ זייגער,
אויף דער וואַנט,
און איך קלינג אַלץ נאָכאַנאַנד:
טיק־טאַק; טיק־טאַק!
כאָטש איך רעד,
אַ גאַנצן טאָג,
בלויז צוויי ווערטער זאָג און זאָג:
טיק־טאַק, טיק־טאַק!

טאַנץ — זייגערס

טייל טאַנצן אַראָפּ. דאָס שפּילצײַג וואָס איז געווען אויף דער סצענע
ביים אָנהייב, בלייבט אויף די זעלבע ערטער און אין די זעלבע פּאָזיציעס.

גראָזשפּרינגער:

(צום עולם)

נו, ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ שפּיל?
איינער איז אַ זייגער גאָר,

אַ צווייטער איז אַ גריל.
אַ דריטע איז, אַ ליאַלקע גאָר,
וואָס דרייט זיך אין יאַריד.
קליינע קינדער פרייען זיך,
ווײַל פינאַטשאָ איז אַ ייִד!
איז טאַקע אַלץ זייער שיין —
נאָר איך אַליין —
וויל שוין אויך שלאָפן גיין!

גראַזשפרינגער שלאָפט איין לעבן ייִנגעלע. עס ווערט טונקל אויף דער סצענע.

שטילע מוזיק. בלויער פּראָזשעקטאָר באַלײַכט געשטאַלט פון אַ מלאך.

מלאך:

כּישוף-שטעקעלע,
באַווײַז דײַן וווּנדער אַצינד:
מאַך פון דעם האָלץ
אַ לעבעדיק קינד!

צו מוזיק, הייבט זיך ייִנגעלע אָן באַוועגן. ער פינטלט מיט די אויגן, באַוועגט דעם קאָפּ, דערנאָך די הענט און די פיס — ביז ער שטעלט זיך אויף.

ייִנגעלע:

(אַ פריילעכער און איבערראַשטער)

איך קען שטיין!

(גיט אַ טראָט)

איך קען גיין!
איך קען זיך באַוועגן אַליין!
טאַנצט אַרום פאַר פרייד. שרײַט אויס:
כ׳בין אַ קינד ווי אַלע קינדער!

מלאך:

קום אַהער יינגעלע,
הער וואָס כ'וועל דיר זאָגן:
אמת טאַקע, האָסט איצט לעבן,
קענסט אַליין זיך שוין באַוועגן!
נאָר אַ קינד צום זײַן דיר פֿעלט,
טאָן גוטע זאַכן אויף דער וועלט.
דאַרפֿסט זײַן גוט און פֿרום,
ניט טאָן קײַן זאַכן קרום.
זאָגן אמת בלויז,
זיך ניט אָוועקדרייען פֿון הויז.
דו טו אַלץ נאָר גוט און פֿײַן,
וועסטו אַן אמת קינד דאָן זײַן!

יינגעלע:

איך זאָג דיר צו —
איך שווער!
כ'וועל אַלץ טאָן,
ווי דו זאָגסט מיר אָן!

ווען זיי רײדן, כאַפּט זיך דער גראָזשפּרינגער אויף פֿון שלאָף. ער שטייט און קוקט און הערט זיך צו.

מלאך:

(צום גראָזשפּרינגער)

און דו, מײַן קליינער פֿרײַנד,
פֿון הײַנט —
זאָלסטו פּנחסן אָפּהיטן
און פֿון אַלץ וואָס שלעכט אים שיצן.

עס הערט זיך דאָס קרייען פֿון אַ האָן.

מלאך:

איך מוז שוין גיין!
דער טאָג איז שוין געקומען.
איך האָב דו האָסט אַליין,
מײַנע אַלע רייד באַנומען.

מלאך פֿאַרשווינדט.

פּנחס טאַנצט און דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד מיטן גראָזשפּרינגער. דערווײַל איז דער אַלטער אַרײַן. ער שטייט און קוקט זיך צו. רײַבט זײַנע אויגן. גלייבט ניט וואָס ער זעט.

אַלטער:

אוי, אַ וווּנדער!
איך גלייב ניט מײַנע אויגן.
ווער איז דאָ געווען?
איז אַ מלאך דאָ געפֿלויגן?

ייִנגל:

יאָ, טאַטע,
אַ כּישוף איז געשען!
ס׳איז אַ גוטער מלאך דאָ געווען.
און איך, פֿון האַלץ אַ קינד.
בין לעבעדיק אַצינד!

אַלטער נעמט אַרום ייִנגעלע. קושט אים. גייט אַוועק אין אַ זייט און ברענגט אַרויס אַ פּעקל ביכער, אַרומגעבונדן מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק. אויך אַ גרויסן, רויטן עפּל.

אַלטער:

אויב שוין יאָ אַזוי
אַ קינד ווי אַלע קינדער —
נעם די העפֿטן מיט די ביכער
און לויף אין שולע גיכער.

יִינגעלע:

אַ גוטן טאָג, טאַטעניו לעבן,
כ׳וועל דאָס עפּעלע דער לערערקע געבן.

יִינגעלע גייט אַרויס פֿאַרן פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג. נאָך אים — גייט דער גראָזשפּרינגער.

יִינגעלע טאַנצט און זינגט:

גיי איך מיר אין שול אַרײַן,
שײַנט די זון אַנטקעגן.
פֿרייד און ליכט און זונענשיין
איבער אַלע וועגן.
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

עס הערט זיך שטאַרקע מוזיק. עס קומען אָן אַ וואָלף און אַ פֿוקס.

וואָלף:

אַ גוט מאָרגן יִינגעלע שיין.
אַ ווּ גייסטו איינער אַליין?

יִינגעלע:

אין שולע דאַרף איך גיין.

פֿוקס:

אין שולע ווילסטו גיין?
איך קען עס ניט פֿאַרשטיין!
ביזט צו קליין,
ביזט צו שיין!
צו וואָס פּטרן דײַן צײַט?
בעסער קום מיט אונדז —
מיר זײַנען פֿײַנע לײַט!

גראָזשפּרינגער: (ציט יִינגעלע פֿאַרן ארבל)

זיי זײַנען שלעכטע די צוויי
הער זיך ניט אײַן צו זיי.

יִינגל:

שאַ, לאָז הערן וואָס זיי זאָגן.

וואָלף:

לאָמיר דאָ ניט שטיין.
קום מיט אונדז,
אין לאַנד פֿון ליידיק-גיין.
אָך, ווי דאָרט איז שיין!
קיינער דאַרף דאָרט גאָרניט טאָן.
דו וועסט זיצן אויבן אָן.
אַ צירק, אַ גרויסן וועסטו זען:
מאַלפּעס און פּאַיאַצן
וואָס קלאַפּן אין די טאַצן.

יִינגל:

היידאַ, חברה,
לאָמיר גיין.
און טאַקע שוין.

וואָלף און פֿוקס נעמען אַרײַן יִינגל אין מיטן. זיי גייען מיט אים באַגלייט פֿון מוזיק.

גראָזשפּרינגער לויפֿט זיי נאָך און שרײַט:

זיי זײַנען שלעכטע די צוויי.
גיי ניט מיט זיי!

עס עפֿנט זיך ווידער דער פֿאָרהאַנג.

צווייטער אַקט.

אויסגעשטאַט ווי אַ צירק. אַ קאַרוסעל דרייט זיך ביי איין זײַט. באַלאָנען הענגען אַראָפּ פֿון סופּיט. אַ פּאָר ביימער בײַ צווייטער זײַט דעקאָרירט מיט צוקערקעס און אייזקרים.

„קאַרוסעל".

אַ פּאַיאַץ זאָגט:

ברוך-הבא
אין לאַנד פֿון ליידיק-גיין.
אויב איר ווילט ניט זיצן —
קענט איר שטיין!
מיר וועלן פֿאַר אײַך קונצן מאַכן
און איר וועט גאָרניט דאַרפֿן טאָן —
נאָר פֿרייען זיך און לאַכן.

טאַנץ — פּאַיאַצן

צווייטער פּאַיאַץ:

מאַלפּעס, ווייזט וואָס איר קענט!
אַ שפּרונג מיט די פֿיס
און שטיין אויף די הענט.

טאַנץ — מאַלפּעס

(באַגלייט פֿון ציגיינער וואָס שפּילט אויף קאַטאַרינקע)

יינגעלע:

אוי, גוואַלד! וואָס איז מיר געשען?
איך ווייס דאָך ניט פֿאַרוואָס —
געקראָגן אַזאַ גרויסע נאָז!

(טאַפּט זיך די נאָז)

קאַטערינטשיק:

עס דוכט זיך דיר אוים!
אַ ביסעלע גרעסער בלויז.
עס וואַקסט אַזוי ביַי קינדער קליינע,
ווען זיי טוען זאַכן ניט קיַין שיינע.

טאַנץ פֿון קינדער מיט ביציקלעטן (צירקיסטן)

יינגעלע:

איך ווייס שוין איצט פֿאַרוואָס,
איך האָב אַזאַ גרויסע נאָז!
ס'איז דערפֿאַר,
וויַיל כ'בין געווען נאַריש, פֿויל און שלעכט.
די ביזט געווען גערעכט!

(צום גראָזשפּרינגער וועלכער שטייט די גאַנצע צײַט לעבן אים).

כ'האָב געדאַרפֿט אין שולע בעסער גיין
און ניט אין לאַנד פֿון ליידיק-שטיין.

פּאַיאַץ:

אויב אַזוי,
טאָ גיב זיך נאָר אַ דריי,
און פֿון דיַין גרויסער נאָז
וועט ווערן אַ קליין נעזל, איינס און צוויי!
כ'וועל צום גוטן טאָטן איצט דיר נעמען,
זאָלסט אים מער קיין מאָל ניט פֿאַרשעמען!
אין שולע זאָלסטו גיין,
זיך לערנען גוט און פֿיַין
און אַן אמת קינד שוין זיַין!

צו מוזיק הייבט פּאַיאַץ אָן אַראָפּגיין מיטן קינד. עס פֿאַרמאַכט זיך דער פֿאָרהאַנג.

גראָזשפּרינגער גייט אַרויס פֿאַרן פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג און זאָגט:

טאַטעס, מאַמעס, גוטע פֿרײַנד,
דאָס איז אַלץ דערווייל אויף הײַנט.
געענדיקט זיך דער טאַנץ, דאָס ליד
ווײַל קליינע קינדער זײַנען מיד.
נאָך אַ יאָר, מירן ווערן גרעסער
וועלן מיר עס מאַכן בעסער!



די שענסטע מתנה

דער פֿאָרהאַנג עפֿנט זיך פּאַמעלעך אויף און מע הערט די קינדער זינגען „צו דיין געבוירנטאָג": די סצענע איז אויסגעשטאַט ווי אַ צימער. עס שטייט אין מיטן אַ טיש, מיט אַ טאָרט און זיבן אָנגעצונדענע ליכטלעך. די קינדער ענדיקן זינגען דאָס ליד.

מיידעלע פֿון געבורטסטאָג זאָגט:

הײַנט איז מײַן געבוירנטאָג.
איך בין אַזוי צופֿרידן!
ניט פֿינף ליכטעלעך האָט מײַן טאָרט,
ניט זעקס, נאָר גאַנצע זיבן.

איין קינד:

פֿאַרלעש די ליכטלעך
איינס און צוויי;
אָט גיב איך דעם לאָמפּ
דאָ אַ דריי.

לויפֿט צו, פֿאַרלעשט בלומרשט דעם לאָמפּ. עס ווערט טונקל אויף דער סצענע. עס שײַנען בלויז די ליכטעלעך פֿון טאָרט.

די קינדער ציילן:

איינס; צוויי, דרײַ,
וואָס איז אַלט
זאָל ווערן נײַ.
וואָס איז מיאוס,
זאָל ווערן שיין,
זאָל דערפֿילט ווערן
וואָס דו ווילסט אַליין.

מיידעלע פֿאַרלעשט ליכטלעך. (בלאָזט). קינדער, די חברים פּאַטשן בראַװאָ.

עס װערט צוריק ליכטיק אויף דער סצענע.

קינדער זינגען: „לאָמיר חנהלען באַגריסן"

טאַנץ פֿון קינדער

איין קינד:

איך האָב דיר אַ שיינע מתנה געבראַכט.
עפֿן דאָס פּעקעלע —
שנעל ניט געטראַכט!

מיידעלע עפֿנט פּעקעלע. עס שפּרינגט אַרויס אַ פּאַיאַץ. קינדער שרייַען:

„אַ פּאַיאַץ, אַ פּאַיאַץ!"

פּאַיאַץ:

איך בין אַ פֿריילעכער פּאַיאַץ!
איך טאַנץ און שפּרינג,
לאַך און זינג.
איך מאַך פֿריילעך גרויס און קליין —
הערט און זעט װי שיין!

טאַנץ פֿון פּאַיאַצן

ער ענדיקט און גייט צוריק אַרײַן אין קעסטל.

מיידעלע:

אַ דאַנק פֿאַר דער שיינער מתנה.
לאָמיר זען
װאָס האָט מיר געבראַכט נחמה.

צווייט קינד:

(גייט צו צו א ליאַלקע וועלכע שטייט אומבאַוועגלעך).

זע מײַן ליאַלקע,
זע ווי שיין!
סאַראַ גוטע, פֿול מיט חן.
אַז איך גיב איר דאָ א דריי,
הייבט זי באַלד אָן גיין אַליין.

דרייט אָן ליאַלקע, וואָס הייבט זיך אָן באַוועגן. דאָס זעלבע טוט זי צו נאָך א פּאָר ליאַלקעס.

טאַנץ פֿון ליאַלקעס

עס הערט זיך מוזיק פֿון ליד „דער זיידע מיט דער באָבען”.
די קינדער שרײַען:

דער זיידע גייט!
דער זיידע קומט!
דער זיידע איז שוין דאָ!

זיידע:

אַ גוט יום-טוב קינדערלעך.
אַ גוט יום-טוב, שיינינקע.
זאָל אײַך שטענדיק פֿריילעך זײַן
ווי איצט, ווען איר זײַט קליינינקע.

מיידעלע:

זיידעניו גוטער,
זיידעניו קרוין,
ווייז מיר דײַן מתּנהלע —
גיכער, גיכער שוין!

זיידע װיקלט אויף אַ פּעקעלע. ער זאָגט:

צו דײַן זעקסטן געבוירנטאָג,
כ׳װעל אַ ביכעלע דיר געבן.
זאָלסט מײַן קינד געזונט מיר זײַן
און לאַנגע יאָרן לעבן.

מיידעלע:

איינס און איינס איז צוויי
און איינס און צוויי איז דרײַ.
האָסט מיר געבראַכט אַ ביכעלע,
איז עס אַלץ נאָך נײַ.
איינס און צוויי איז דרײַ
און צוויי און צוויי איז פֿיר.
כ׳בין צו קליין צו לייענען
לייען דו פֿאַר מיר.

זיידע זעצט זיך אויף אַ שטול. קינדער זעצן זיך אוים, אין פֿאַר־שיידענע פּאָזיציעס אַרום אים. עס װערט טונקל אויף דער סצענע. שטילע מוזיק.

זיידע:

אין ביכעלע שטייט געשריבן
אַז שיינע יום־טובֿים האָבן מיר — ייִדן.
פּורים איז ליכטיק,
פּורים איז שיין,
אַ שמחה בײַ אַלע
בײַ גרויס און בײַ קליין.

איין קינד:

און פּסח, זיידע?

זיידע:

אַך, פּסח, פּסח!
משה האָט באַפֿרײַט

די יידן פֿון מצרים.
דערפֿאַר מאַכן מיר אַלע
פּסח אַ לחיים.

קינדער לאַכן.

צווייט קינד:

ווי הייסט דער יום־טובֿ זיידע,
ווען מען צינדט אָן קליינע ליכטעלעך
און מע דערציילט שיינע געשיכטעלעך?

זיידע:

דער יום־טובֿ הייסט חנוכּה.
מע טיילט חנוכּה־געלט
און קינדער פֿרייען זיך
אויף דער גאַנצער וועלט.
און נאָך, און נאָך אַ סך שיינע
יום־טובֿים האָבן מיר.
נאָר איך זע, קינדערלעך
אַז ס׳איז אײַך באַפֿאַלן
אַ גרויסער שלאָף.
וועל איך צו מײַן דערציילן
מאַכן אַ סוף.
חלומט גוט
חלומט שיין.
חלומות זײַנען פֿאַר אַלע —
פֿאַר גרויס און פֿאַר קליין.

קינדער שלאָפֿן אײַן אַרום זיידן. עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פֿאָרהאַנג.
נאָך אַ קליינעם איבעררײַס, הייבט ער זיך צוריק אויף.

אויף אַ טראָן זיצט אַ קעניג.

ליד: „פּורים איז ליבטיק, פּורים איז שיין.״

טאַנץ־פּורים־שפּילער

נאָכן טאַנץ, בלײַבט איין פּאַיאַץ אויף דער סצענע.

קעניג:

איך בין אחשורוש
דער גרויסער האַר!

פּאַיאַץ: (צום עולם).

אוי, איז ער אַ נאַר!

קעניג:

זאָלן קומען די טענצער צו גיין.
עס איז אומעטיק אַליין.

אָריענטאַלישער טאַנץ

פּאַיאַץ:

איין טאָג, האָט אחשורוש געקראָגן
אַ נײַעם מיניסטער.
המן איז געווען זײַן נאָמען.
און המן איז געווען זייער שלעכט!
ער האָט געוואָלט אַז אַלע ייִדן
זאָלן זײַן זײַנע קנעכט.

המן איז דערווייל אַרויף אויף דער סצענע.

המן:

איך בין המן־הרשע
אַלע האָבן מיך פֿײַנט.
ווײַל איך וויל אַלע שלעכטס טאָן,
האָב איך ניט קיין פֿרײַנד.

אַלע:

גראַגער, גראַגער,
גראַן, גראַן, גראַן!
אַמאָל איז געווען, אַ שלעכטער מאַן.
המן איז געווען
דער שלעכטער מאַן —
גראַגער, גראַגער,
גראַן, גראַן, גראַן!

פּאַיאַץ:

קומט איין מאָל המן צום מלך און זאָגט:

המן:

קלוגער מלך, גרויסער האַר!
דו ביזט ניט קיין נאַר.
דו וועסט מיר דערלויבן
און איך וועל אַלע ייִדן בארויבן.
און מרדכין וועלן מיר אויפֿהענגען
אויף אַ בוים.
זאָג — יאָ צי ניין?

אחשורוש:

ווייסט וואָס?
טו מיט זיי וואָס דו ווילסט אַליין.

פּאַיאַץ:

מרדכי האָט זיך דערוווּסט
וועגן המנס פּלאַן
און גלייך געשיקט אסתּרן
וווּ דער מלך איז פֿאַראַן.

אסתּר:

מײַן גוטער מאַן:
אויב דו װילסט איך זאָל זײַן צופֿרידן,
פֿאַרטרײַב דעם שלעכטן המן פֿון פּאַלאַץ
ער זאָל ניט אָנרירן די ייִדן.

פּאַיאַץ:

און אַזױ איז געשען!
המן איז מער קײַן מיניסטער ניט געװען.

מע שטופּט המנען אַראָפּ פֿון דער סצענע.

אײן קינד זאָגט:

גראַגער, גראַגער
גראַן, גראַן, גראַן!
אַװעק, אַװעק,
דו שלעכטער מאַן!

פּאַיאַץ:

און דער קלוגער מרדכי
האָט פֿאַרנומען המנס אָרט.

מרדכי רײַט דורך אויף אַ פֿערד.

אײן קינד:

און די ייִדן האָבן זיך שטאַרק געפֿרײט.
געזונגען און געטאַנצט
המן־טאַשן געגעסן
און מרדכין און אסתּרן ניט פֿאַרגעסן.

ליד: „פּורים, פּורים, שלח־מנות"

טאַנץ שלח־מנות־טרעגערינס.

דיאַלאָג פֿון צוויי שלח־מנות־טרעגערינס:

איין קינד:

אַווּ גייסטו דינהלע?

צווייט קינד:

איך גיי צו דיר, מינעלע.

ערשטע קינד:

דו גייסט צו מיר, און איך גיי צו דיר!

צווייט קינד:

וואָס האַלסטו אין האַנט, קליינע?

ערשטע קינד:

אַ שלח־מנות, אַ שיינע.
ווילסט אפֿשר פֿאַרזוכן פֿון די המן־טאַשן?

צווייט קינד:

אדרבא, לאָמיר עפּעס נאַשן!

עסן איינע פֿון דער צווייטערס שלח־מנות. מאַכן מממ... מממ גוט! מממ. געשמאַק!

איין קינד:

ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן?
מײַן שלח־מנות איז געווען בעסער פֿון דײַנעם.

צווייט קינד:

בעסער איז געווען מײַנער!

ערשטע קינד:

ניט דײַנער — נאָר מײַנער!
מײַנער! דײַנער! מײַנער!

ווערן אין כעס. פֿירן דורך

ברוגז־טאַנץ.

שמואל און וועלע זאַבלודאָווסקי

ליד: „אייגעלעך בליץ".

זינגענדיק, גייען אַלע אַראָפּ פֿון דער סצענע.

צו צוגעפּאַסטע מוזיק, גייט אַרויף איין קינד,

משה רבינו,

מיט לוחות און שטעלט זיך אין א זײַט.

ליד: „פּסח ליבער, פּסח שיינער".

עס קומען אַרויף, לויטן סדר: מצה, ווײַן און בלומען.

מצה:

איך בין די פּסחדיקע מצה.
ערשט אויסגעבאַקן פֿריש.
לייגט מיך אויפֿן טעלער,
שטעלט מיר אויפֿן טיש.

ווײַן:

איך בין פּסחדיקער ווײַן,
פֿון ראָזשינקעס געשטעלט.
גיסט אָן פֿולע בעכערס —
ס׳איז פּסח אויף דער וועלט!

טאַנץ פֿון בלומען

משה:

פֿאַרוואָס זײַט איר קינדערלעך
אַזוי צופֿרידן?

קינדער:

ווײַל דו, משה, האָסט באַפֿרײַט די ייִדן.

משה:

באַפֿרײַט פֿון וואָס?

אַלע:

באַפֿרײַט פֿון שקלאַפֿערײַ.
מיר זײַנען פֿרײַ!
מיר זײַנען פֿרײַ!

ליד: „חד־גדיאָ איז אַ ציגעלע".

עס קומען אַרוים קאַץ, ציגעלע און הונט. אינסצעניזירן ליד.

קינדער נעמען צו שטול פֿון מלך. ברענגען אַרויס גרויסע מנורה.
אונטער מנורה — שטעלן זיך אוועק אַכט קינדער ווי חנוכּה־ליכטלעך.

ליד: „אָ, איר קליינע ליכטעלעך"

איין קינד:

חנוכּה־לעמפּעלע — ברען, ברען!
דערצייל וואָס אַמאָל איז געווען.

צווייט קינד:

דערצייל אונדז, דערצייל אונדז
פֿון חנוכּה־נס.
און פֿאַרוואָס דו ברענסט
אַכט מעת־לעת.

שמואל און וועלע זאַבלודאָווסקי

דריט קינד:

חנוכּה-לעמפּעלע ברען, ברען!
דערציייל וואָס אַמאָל איז געווען.

טאַנץ פֿון חנוכּה־ליכט.

זיי ענדיקן און גייען צוריק אַרונטער אונטער מנורה.

ליד: „חנוכּה אוי חנוכּה".

עס קומט אַרויף איין מכּבייער און זאָגט:

איך בין יהודה המכּבי —
דער העלד דער גרויסער.
מיר האָבן געראַטעוועט די ייִדן,
דערפֿאַר פּרייט מען זיך חנוכּה
און אַלע זײַנען צופֿרידן.
קומט העלדישע מכּבייער צו גיין
באַווייַזט וואָס איר קענט נאָר אַליין!

טאַנץ מכּבייער

איין דריידל זאָגט:

איך בין מיר אַ דריידל —
כ'פֿאַרשפּיל און געווין.
מיט נון און מיט גימל,
מיט היי און מיט שין.

טאַנץ דריידלעך

ליד: „איך האָב אַ קליין דריידל".

עס ווערט טונקל אויף דער סצענע. פּראָזשעקטאָר באַלײַכט דעם זיידן מיט די אייניקלעך וועלכע זיצן אין די זעלבע פּאָזיציעס ווי בײַם אָנהייב.

מיידעלע:

אוי, סאַראַ שיינע יום־טובים מיר האָבן!
דערציייל אונדז נאָך זיידע.

זיידע:

אויף הײַנט איז גענוג!
און ווער עס איז קלוג —
וועט לערנען מער און מער.
דערווײַל זײַט איר נאָך קינדער קליינע,
ווייסט איר שוין אַ ביסל פֿון די יום־טובֿים, די שיינע.

קינדער זינגען:

„זײַנען מיר, זײַנען מיר קינדער קליינע".

און עס פֿאַרמאַכט זיך דער פֿאָרהאַנג.



ווײס־שנייעלע און די זיבן שרעטעלעך

אויסגעשטאַט ווי אַ פּאַלאַץ. אויף אַ שיינעם שטול זיצט אַ קעניגין. צו קלאַנגען פֿון מוזיק, גייט זי אַראָפּ פֿון שטול, גייט צו צו אַ שפּיגל, מאַכט באַוועגונגען, קאָקעטירט און פּודערט זיך. צוויי באַדינערקעס העלפֿן איר זיך פּוצן. (באַדינערקעס אָנגעטאָן אין קורצע קליידעלעך, שירצעלעך און טשעפּיקלעך.)

צו די פֿריערדיקע צוויי באַדינערקעס קומען צו נאָך עטלעכע.

טאַנץ פֿון באַדינערקעס

קעניגין רעדט צום שפּיגל:

שפּיגל, שפּיגל, שפּיגעלע
ביסט מײַן בעסטער פֿרײַנד.
פֿון מײַנע קינדעריאָרן אין מײַן וויגעלע —
ביזן סאַמע טאָג פֿון הײַנט.
פֿרעג איך דיך —
און זאָג דעם אמת, ריכטיק:
האָב איך ניט דעם שענסטן פּנים פֿון דער וועלט,
און מײַנע אויגן, מער פֿון אַלע ליכטיק?

שפּיגל:

איך דער שפּיגל
זאָג און זאָג
הײַנט ווי אַלע טאָג:
אין דער גאַנצער וועלט
ניטאָ נאָך איינע
אַזאַ קלוגע, אַזאַ שיינע.
קיינער איז ניט גלײַך צו דיר —
גלייבן מעגסטו מיר!

טאַנץ פֿון שפּיגעלעך

(אָנגעטאָן אין דער זעלבער פֿאָרם ווי דער גרויסער שפּיגל צו וועלכן די קעניגין רעדט).

עס קומט אַרויס ווײַסשנייעלע. זי טוט אָן אַ פֿאַרטעך אויף איר קאָסטיום, נעמט אַ העמערל מיט אַ שמאַטע און אויף די קני זיצנדיק, וואַשט זי די פּאַדלאָגע.

זינגט:

יעדן מאָנטיק וואַשט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען וואַשן.
אַט אַזוי און אַט אַזוי
העלף איך מאַמען וואַשן.
יעדן דינסטיק פּרעסט מײַן מאַמע,
העלף איך מאַמען פּרעסן.
אַט אַזוי און אַט אַזוי
העלף איך מאַמען פּרעסן.

זי שטעלט זיך אויף און זאָגט:

ווײַסשנייעלע:

איך בין דאָ אין פּאַלאַץ
אַ מיידעלע אַליין.
מײַן נאָמען איז ווײַסשנייעלע
דאָס ווייסן גרויס און קליין.
די קעניגין די שיינע
באַהאַנדלט מיך ניט פֿײַן.
איך מוז אָבער מיט איר דאָ זײַן צוזאַמען.
אַרבעטן און ראַמען,
ווײַל איך האָב ניט ווּ צום זײַן.

זי רעדט אָפּ און ראַמט ווידער.

קעניגין:

נאָך אַ מאָל מײַן שפּיגעלע
איך פֿרעג די זעלבע פֿראַגע:
בין איך טאַקע אַזאַ שיינע?
אַזאַ ליכטיקע און ריינע?

שפּיגל:

טײַערע קעניגין
איך דײַן פֿרײַנד, דער שפּיגל,
האָב דיר געזאָגט דעם אמת
ביז אַהער.
און איצט צום ענטפֿערן
איז מיר זייער שווער, —
ווײַל דו — ביסט ניט די שענסטע מער!

קעניגין:

וואָס? — וואָס איז פּלוצלונג דאָ געשען?
ווו האָסטו אַ שענערע געזען?
ווער איז זי?
זאָג מיר אויס דעם נאָמען!

שפּיגל:

איר נאָמען איז ווײַסשנייעלע.
אַלע זאָגן אַז זי איז איצט די שענסטע,
כאָטש אין פּאַלאַץ דאָ
איז זי די קלענסטע.

קעניגין לויפֿט פֿון כּעס אַרום איבער דער סצענע.

זאָגט:

איך ווייס שוין וואָס צום טאָן!
כ'האָב זיך גוט באַטראַכט.
און געשען וועט דאָס נאָך הײַנט בײַנאַכט.
יעגערס קומט אַרײַן!

טאַנץ פֿון יעגערס

ליד:

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זײַן,
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַרײַן.
שיסן וויל ער נאָר אַ בער,
אָבער ווו נעמט מען געווער?
אונדזער יאַנקעלע דערזעט,
אין ווינקעלע אַ בעזים שטייט.
מיטן בעזים וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן.

אַ יעגער גייט צו צו ווײַסשנייעלע און זאָגט:

מיר האָבן פֿון דער קעניגין אַ באַפֿעל,
דיך צו נעמען מיט אונדז אין וואַלד.
מיר מוזן עס מאַכן שנעל,
קום מיט אונדז שוין באַלד.

אַלע יעגערס רינגלען זי אַרום. צו דער באַגלייטונג פֿון אומעטי־קער מוזיק פֿירן זיי אַראָפּ דאָס מיידעלע.

עס בײַט זיך די דעקאָראַציע: אַ וואַלד, מיט אַ שטיבעלע. עס הערן זיך קלאַנגען פֿון סווישטשערײַען פֿון פֿייגעלעך. עס איז טונקל אויף דער סצענע. ביסלעכווייז ווערט ליכטיקער, בלומען און פֿלאַטערלעך זיצן אויסגעזעצט, אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס אויף דער סצענע.

ליד: „שיינינקע בלימעלעך"

טאַנץ פֿון בלומען און פֿלאַטערלעך

פֿיר יעגערס פֿירן אַרויף ווײַסשנייעלע. בלומען און פֿלאַטערלעך דאַרפֿן שאַפֿן דעם איינדרוק, אַז זיי רײַסן איבער דעם טאַנץ, ספּאַנטאַן, און לויפֿן צו צום מיידעלע. יעגערס פֿאַרשווינדן און מיידעלע בלײַבט צווישן בלומען און פֿלאַטערלעך. אויף איינעם פֿון די פֿלאַטערלעך, פֿאַלט דאָס מיידעלע אַרויף מיט אַ געוויין. דאָס פֿלאַטערל אויף וועלכע זי איז אַרויפֿ־

געפֿאַלן פֿירט איר אַרויס מערער אין מיטן פֿון דער סצענע און זאָגט, גלעטנדיק זי:

(ווײַסשנייעלע פֿאַרדעקט דאָס פּנים, אין פּאָזע פֿון געוויין).

פֿלאַטערל:

וויין ניט, ווײַסשנייעלע
היט אָפּ דיין שיינעם פּנים.
מיר, די חיהלעך פֿון וואַלד,
זײַנען דײַנע פֿרײַנד
און ניטאָ שוין מער קיין שונאים!

בײַם ריידן גיט דאָס פֿלאַטערל אַ מאַך מיט דער האַנט און עס לויפֿן אַן אַלערליי חיהלעך פֿון וואַלד: הירשן, העזעלעך, וועווערקעס און פֿייגעלעך. זיי לויפֿן אַרויף מיט אויסגעשרייען. אַ פֿאַרשטייער פֿון יעדער גרופּע פֿון די חיהלעך שטעלט זיך פֿאַר פֿאַרן עולם מיט אַ ליד.

לידער:

1.— „מיר זײַנען העזעלעך".

2.— „אין גרינעם וואַלד" (וועווערקעס)

3.— „פֿייגעלע אין וועלדעלע".

טאַנץ פֿון חיהלעך פֿון וואַלד (אַרום ווײַסשנייעלע)

זיי דערנענטערן זי, נאָכן טאַנץ, צום שטיבעלע מיט די זיבן פֿענצטער, און זיי פֿאַרשווינדן. די זיבן פֿענצטער זײַנען פֿאַרשטעלט מיט סאָלאָפּאַן. (אמתע פֿענצטער וואָס זאָלן זיך קענען עפֿענען). ס׳פֿינצטער אין שטיבעלע. דאָס מיידעלע קלאַפּט אין טיר פֿון שטיבעלע.

זינגט:

היי־האָ, היי־האָ
איך, ווײַסשנייעלע בין דאָ,
געקומען אין אַ גוטער שעה,
היי־האָ, היי־האָ, היי־האָ!

עס ווערט ליכטיק אין שטיבעלע. איינציקווייַז עפֿנט יעדער שרעטעלע זייַן פֿענצטער, און אין יעדן פֿענצטער באַווייַזט זיך אַ פּנים פֿון אַ שרעטעלע, אָנגעשפּאַרט מיט די הענטעלעך אויף די ברעטלעך פֿון פֿענצטער.

איינס פֿון די שרעטעלעך זינגט:

הײַ־האָ, הײַ־האָ
ווײַסשנייעלע איז שוין דאָ.
קום אַרײַן; קום אַרײַן
אין אַ גוטער שעה.

זיי גייען אַרויס פֿון הינטער דעם שטיבעלע. נעמען זיך אַרום און נעמען דאָס מיידעלע אַרײַן אין קרײַז.

טאַנץ פֿון די שרעטעלעך מיטן מיידעלע.

איין שרעטעלע:

שיין מיידעלע,
ווּ ביסטו געווען?
אַזאַ מין גוטן גאַסט
האָבן מיר קיין מאָל ניט געזען.
גיי אַרײַן אין שטוב.
פֿאַרמאַך די פֿענצטער,
פֿאַרשליס די טיר,
לאָז קיינעם ניט אַרײַן —
עס זאָל קיין בייז געשען צו דיר.
מיר גייען אַרבעטן אין וואַלד,
און וועלן זײַן צוריק דאָ באַלד.

זיי גייען אַראָפּ, זינגענדיק דאָס ליד —

„איך אַרבעט מיט אַ ליד"

זיי בייגן זיך אײַן איינציקווײַז און נעמען פֿאַרשיידענע אַרבעטס־מכשירים: אַ לאָפּאַטע, אַ גראַבלע און גראָבאײַזן — און זינגענדיק, מיט די מכשירים אויף די אַקסלען, גייען זיי אַראָפּ.

עס ווערט איצט טונקל אין איין זײַט סצענע. מיט א פּראָזשעקטאָר ווערט באַלויכטן א צווייטע טייל פון דער סצענע, ווו מיט דער פּלייצע צום עולם שטייט א פיגור. די פּלייצע מאַכט דעם איינדרוק פון דער קעניגין. עס הערט זיך א קול, דורכן מיקראָפאָן, וואָס זאָגט:

„און די קעניגין פון פּאַלאַץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א שלעכטער מכשפה!"

אין דעם מאָמענט, טוט אָן דאָס קינד א הוט פון א מכשפה און דרייט זיך אויס. די פאָדערשטע טייל פונעם קאָסטיום איז פון א מכשפה.

זי נעמט א גרויסן רויטן עפּל, לייגט אים אַרײַן אין א שטרויענעם קאָשיקל און דער פּראָזשעקטאָר באַגלייט זי, צו מוזיק, רײַטנדיק אויף א בעזים, מיט א ריטעם ווילד־מכשפהש, ביז צו דעם שטיבעלע, וואָס איז ווידער פינצטער אינעווייניק. נאָך דעם ווי זי קלאַפּט אין טיר, פאַר־לעשט זיך דער פּראָזשעקטאָר און עס ווערט ליכטיק אין שטיבעלע.

מכשפה:

טוק־טוק, טוק־טוק!
מיידעלע —
גיב דורכן פענצטער א קוק.
וועסט זען,
אַן אַלטיטשקע אָרעמע פרוי
וואָס איז אין גרויס נויט
און וויל א שטיקעלע ברויט.

מיידעלע עפנט פענצטער. קוקט ארויס.

זאָגט:

אָרעמע, אַלטיטשקע פרוי,
זעסט אויס הונגעריק
און ביסט אַזוי דאַר!
איך קום ארויס צו דיר באַלד,
כ'קען ניט צוזען דײַן צער.

מיידעלע גייט אַרויס מיטן פּעקעלע שפּײַז און גיט עס דער מכשפה. די מכשפה לייגט עס אַרײַן צו זיך אין קאָשיקל און נעמט אַרויס דאָס עפּעלע און גיט עס דעם קינד. מיידעלע נעמט עס אָן מיט ביידע הענטעלעך און גיט אַ ביס. אין דער זעלבער צײַט דרייט זיך אויס די מכשפה צום עולם און מאַכט זשעסטן פֿון צופֿרידנקײַט וואָס עס איז איר געלונגען אָפּנאַרן ווײַסשנייעלע. ווײַסשנייעלע פֿאַלט אויף דער סצענע, דאָס עפּעלע קייקלט זיך אַוועק.

די מכשפה בייגט זיך אַראָפּ און קוקט אויפֿן קינד. זי דרייט זיך אויס צום עולם און זאָגט:

איצט וועל איך צוריק
שוין זײַן די שענסטע אויף דער וועלט.
איך וועל אין פּאַלאַץ איצטער גיין,
און מײַן שפּיגעלע
די לעצטע פֿראַגע פֿרעגן.
ער וועט שוין מער נישט זאָגן: ניין, אַ ניין!
ער וועט בלויז ענטפֿערן
אַז איך בין זייער, זייער שיין!

פּראָזשעקטאָר באַגלייט זי, איצט טאַנצנדיק און פֿריילעך, ביז זי פֿאַרשווינדט, עס ווערט ליכטיק אויף דער סצענע. מיידעלע ליגט, מען הערט געזאַנג פֿון די שרעטעלעך, וועלכע קומען צוריק פֿון דער אַרבעט. זיי וואַרפֿן אַוועק, אויפֿן זעלבן אָרט, זייערע אַרבעטס־מכשירים, מיט שרעק דערזעען זיי דאָס מיידעלע וואָס ליגט אויפֿן דיל. זיי רינגלען איר אַרום, מיט די פּלייצעס צום עולם, און טרייסלען זיך פֿון געוויין. איינער לויפֿט אַראָפּ און קומט באַלד צוריק מיט אַ שורה, אָנגענומען פֿאַר די הענט, ווי אַ קייט — דאָקטוירימלעך — אין אוניפֿאָרמען און רענצעלעך. צווישן יעדער שרעטעלע שטעלט זיך אַרײַן אַ דאָקטער. אַלע קוקן אויף ליגנדיקער מיידעלע. איצט רוקן זיך די שרעטעלעך אָפּ און שטעלן זיך אַלע צוזאַמען אין אַ זײַט.

מימישער טאַנץ פֿון דאָקטוירים.

די דאָקטוירים זעגענען זיך מיט די שרעטעלעך און גייען אַראָפּ.

עס ווערט ווידער טונקל אין דער טייל סצענע. מען זעט, נאָך אַ מאָל, די פּלייצע פֿון דער קעניגין. זי נעמט אַ שפּיגל און דרייט זיך אויס

צום עולם. זי קוקט אַרײַן אין שפּיגל, גיט אַ געשריי און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.

הורכן מיקראָפֿאָן:

און די שיינע קעניגין,
איז צוליב איר שלעכטער האַנדלונג
אויף אייביק פֿאַרבליבן אַ מכשפֿה!

עס ווערט ליכטיק אויף דער סצענע. דאָס מיידעלע ליגט אין דער זעלבער פּאָזיציע. עס הערט זיך מוזיק. אויף אַ ווײַסן פֿערד, וואָס די שרעטעלעך פֿירן, פֿאָרט אַרויף דער פּרינץ. די הילצלעך פֿון וואַלד באַגלייטן זיי. זיי פֿירן דעם פּרינץ צו צו דעם מיידעלע. ער גייט אַראָפּ פֿון פֿערד, קניט אויף איין פֿוס און גיט אַ קוש דאָס מיידעלע, וועלכע זעצט זיך תיכף אויף.

אַלע שרײַען: —

„הורײַ, הורײַ!"

טאַנץ פֿון פּרינץ מיט דער מיידעלע

ווען זיי טאַנצן, ווערט פֿול די סצענע פֿון אַלע אָנטיילנעמער.
פּרינץ און מיידעלע שטעלן זיך פֿאַרנט, אָנגענומען פֿאַר די הענט.
פֿאַר זיי — גייט אַרויס איין שרעטעלע. מיט די הענט, שטעלט ער אָפּ די מוזיק און ווענדעט זיך צום עולם:

שרעטעלע:

מיר האָבן אײַך געוויזן אַ מעשהלע
וואָס איז אַלט,
און שטענדיק נײַ.
איר אַלע,
מיט אונדז צוזאַמען,
זײַנען געווען דערבײַ.
מיר האָבן דאָ געזען
אַ קעניגן אַ שלעכטע

און אַ מיידעלע אַ גוטע.
ווען זי איז קראַנק געוואָרן.
זײַנען געקומען גרויסע פּראָפעסאָרן.
אָבער, ס'איז פון דעם
גאָרניט ניט געוואָרן.
געקומען איז אָבער איינער
אַ פּרינץ, אַ שיינער.
האָט ער זי גענומען פאַר אַ כּלה
און געדראַטעוועט אונדז אַלע.
ווײַל גערעדט מיר האָבן שוין צו פֿיל
און מע דאַרף ענדיקן די שפּיל.
אַ דאַנק אײַך פֿאַרן קומען, גוטע פֿרײַנד —
און ס'איז גענוג אויף הײַנט.

נח און די תבה

איין קינד קומט אַרויס פֿאַרן פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג און זאָגט:

מיר ווען איַיך דערציילן היַינט
וואָס איז אַמאָל געשען,
ווען מענטשן זיַינען שלעכט געווען.
מען האָט לערנען ניט געוואָלט
און דער מאַמען ניט געפֿאָלגט.
איז גאָט געוואָרן זייער אומעטיק
און האָט אַזוי געזאָגט:
כ׳וועל ברענגען אַ גרויסן רעגן
און פֿאַרגיסן אַלע וועגן.
עס וועלן מער ניט זיַין קיין ביימער און קיין בלומען,
ניט קיין חיות, ניט קיין פֿייגל —
אַלץ וועט פֿון דער וועלט אומקומען!
אַ מבול!
עס וועט רעגענען און גיסן,
פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט.
אַלע זאָלן וויסן,
מער שוין ניט זיַין שלעכט.

עס עפֿנט זיך לאַנגזאַם אויף דער פֿאָרהאַנג.

דעקאָראַציע: אַ הימל מיט וואָלקנס, איבער וואַסער (ים).

איין קינד: פֿון איין זיַיט פֿון דער סצענע.

אָבער, גאָט איז ניט קיַין שלעכטער.
ער איז זייער אַ גערעכטער!
האָט ער געזוכט און געפֿונען
אַ ייִדן, אַ גוטן און פֿרומען.
נח איז געווען זיַין נאָמען.

נח: פֿון צווייטער זײַט פֿון דער סצענע.

איך בין נח, דער גוטער מאַן.
פֿון אַלע יידן פֿון לאַנד כּנען,
איז קיין אײנער ניט פֿאַראַן,
וואָס זאָל זײַן פֿרום און ריין
נאָר — איך אַליין!

צווייט קינד:

און גאָט האָט צו אים געזאָגט:
הער נאָר, נח, גוטער ייִד
נעם שוין בויען, ווער ניט מיד.
בוי אַ גרויסן קאַסטן, ווי אַ שיף —
לאַנג און טיף.
ווײַל פֿון הײַנט אין זיבן טעג,
וועט אַרויס אַ גרויסער רעגן.
עס וועט דונערן און בליצן
און פֿאַרדעקן אַלע וועגן.

נח: קראַצט די באָרד.

אַזאַ זאַך!
אַזאַ זאַך!
איך האָב אַרבעט גאָר אַ סך.
איך דאַרף בויען אַזאַ שיף
וואָס זאָל זײַן
גרויס און טיף —
אַלע חיות צום באַהאַלטן,
ווײַל די הימלען וועלן שפּאַלטן!

(פּויזע)

הערט נאָר קינדער
קומט געשווינדער!
לאָמיר אַלע דאָ אַצינדער
צו דער אַרבעט שוין זיך נעמען.

עס לויפֿן אַרויף דרײַ ייִנגלעך.

ערשטער:

איך בין שם!

צווייטער:

איך בין חם!

דריטער:

איך בין יפת!

ערשטער:

מאַטעניו גוטער,
מאַטעניו קרוין
זאָלסט זיך נאָר ניט זאָרגן.

צווייטער:

וואָס מיר וועלן אָפּטאָן היינט,
וועט זיין גרייט אויף מאָרגן.

דריטער:

איך וויל העלפן —
בויען מאַכן,
ווייל איך האָב ליב
די אַלע זאַכן.

צו מוזיק פון „ס'אַרבעט דאָך יעדער" פירן זיי דורך אַ סצענע פון אויפשטעלן תבה.

נח:

אַבי די תבה איז שוין פאַרטיק,
בין איך מיט דעם שטאָלץ!
ס'איז דאָך געמאַכט פון פימסנהאָלץ.

עס הערט זיך מוזיק. עס דונערט און בליצט. עס הייבט אָן רעגנען.

טאַנץ — קינדער מיט שירעמס

ליד: „ציגעלע-מיגעלע״.

איין קינד:

אוי ווי נאַס!
מע קען זיך ניט שפּילן מער אין גאַס.

צווייט קינד:

כ׳האָב נאָך קיין מאָל אין מײַן לעבן,
ניט געזען
אַזעלכע וואָלקנס שוועבן.

טאַנץ פֿון וואָלקנס

איינער פֿון נחס קינדער:

ווער עס וויל זיך ראַטעווען אַצינד,
אַרײַן אין תּבֿה זאָל געשווינד.

צו מוזיק לויפֿן די דרײַ קינדער אַרײַן אין תּבֿה.

נח: (ווישט דעם שטערן. איז פֿאַרמאַטערט).

שווער געווען פֿאַר מיר ביז גאָר,
אויסצוקלײַבן בלויז אַ פּאָר.
פֿון אַלע שיינע חיות:
אַ הינדל מיט אַ האָן,
אַ פּעטע קו
און גרויסער אָקס
וואָס זיי קומען איצטער אָן.

(די חיות קומען אַרויף לויטן סדר ווי ער דערמאָנט זיי. דער האָן מאַכט קוקו־ריקו; די קו — מו, אאַ״וו).

איצט שפּרינגען העזעלעך אַ פּאָר
און אַ ווײַסער בער מיט האָר.
אַ קאַץ און אַ הונט
קענען זיך ניט שיידן —
איך וועל זיי ברענגעןביידן.
און איצט,
כ'האָב נאָך חיות
גאָר אַ סך.
נאָר גיי טו און מאַך
אַז איך האָב שוין ניט קיין פּאָר.
אָך און ווי צו מײַנע יאָר!

איין חיה:

קומט אַ באָטשאַן מיט אַ פֿליג,
אַ לייב און טיגער
מיט אַ ציג.
אַ העלפֿאַנט מיט אַ גרויסער נאָז
און אַ קראָליק מיט אַ האָז.

צווייטע חיה:

אָט גייט די פּאַווע גאָר אַליין
פֿול מיט גאווה —
מלא־חן!

דריטע חיה:

און דער אינדיק,
פֿול מיט בלאָז —
רוקט דאָ אויך
אַרײַן די נאָז!

פֿערטע חיה:

הערט!
די שעפֿעלעך שפּרינגען
און מעקען אין פֿרייד.
עס טרייבט זיי דאָס פּאַסטעכל
און שפּילט אויפֿן פֿלייט.

פֿינפֿטע חיה:

מײַנע ליבע פֿרײַנד:
ניט פֿאַרגעסט,
אַז מיר זײַנען הײַנט
נחם געסט.
לאָמיר זינגען און טאַנצן
אַזוי דעם טאָג דעם גאַנצן.

טאַנץ פֿון אַלע חיות

לידער:

1.— מיר זײַנען העזעלעך
2.— קיץ-קאַץ-קעצעלע
3.— גייט אַרום אין וואַלד אַ בער
4.— קו, קו, קיעלע.

נח: ציילט

אַ ציג, אַ טיגער,
אַ העלפֿאַנט,
אַ בער!
אַ קאַץ, אַ הונט,
אַ האָן און אַ הינדל —
עס פֿעלט שוין קיינער
צום געזינדל.

זינגט:

אַרײַן, אַרײַן, אַרײַן
איר חיהלעך, איר פֿײַן!

עס באַװײַזט זיך **נחס װײַב** מיט אַ װאַלגערהאָלץ אין האַנט.

זי זאָגט:

נח, נח, גראָבער קאָפּ!
האָסט שױן אַלץ פֿאַרגעסן,
װאָס גאָט האָט דיר געזאָגט.
הײס אַרײַנפֿליען די טױבן.
זעץ זײ אױף די שױבן.
זײ װעלן דאַרפֿן זען און הערן,
װען דער רעגן װעט אױפֿהערן.

נח:

אַ דאַנק, מײַן װײַב
איך האָב ניט פֿאַרגעסן.
לאָמיר בײדע איצט גײן עסן.

ער מאַכט באַװעגונג מיט דער האַנט. עס הערט זיך מוזיק. עס פֿליען אַרײַן צװײ טױבן, שטעלן זיך בײַ שױבן. נח און װײַב גײען אַרײַן אין תּיבה.

עס װערט לײדיק אױף דער סצענע.

עס באַװײַזט זיך אַ קלײנע װעװערקע.

זינגט:

איך בין אַ קלײנטשיק װעװעריקל
אַ שטיפֿערל, אַ לױפֿער.
יאָג איך מיר פֿון בױם צו בױם,
שפּרינג איך מיר אָן אױפֿהער.

היפּ, האָפּ,
אַרויף, אַראָפּ —
שפּרינג איך מיר אָן אויפהער.

עס קומט אַרויס העלפאַנט און שטופּט אַרײַן וועוויריקל אין תּיבה.

צוויי העזעלעך — אַן ער, און אַ זי, לויפן אַרויס און זינגען:

„רעגן, רעגן, וואַש מיך אויס".

דאָ קריכט אַרויס אַ מײַזל פון אַ נאָרע. קוקט זיך אַרום. מאַכט מימישע באַוועגונגען צו מוזיק.

מײַזל זאָגט:

אָך און וויי,
אָך און וויי,
איז עס רעכט אַזוי?
איך וואָס בין,
ריין און פֿײַן,
לאָזט מען דאָרט
מיך ניט אַרײַן!
צוליב דער קאַץ,
מײַן גרעסטער שונא —
פון אַלע חיות,
געבליבן בין איך איינע.
איך וועל אָבער זיך ניט לאָזן!
כ'בין ניט ערגער פון די האָזן.
איך שפּרינג און טאַנץ,
און עס און טרינק.
מיינען זיי — איך וועל דאָ בלייבן פאַסטן?
איך גיי אויך צו נחן אין קאַסטן!

לויפט אַרײַן אין תּיבה.

פון זײַט באַווײַזט זיך מלאך.

מלאַך:

פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט,
ווי ס׳איז ביטער,
ווי ס׳איז שלעכט.
זעט וואָס איז געשען!
ס׳איז אַזאַ מבול
אויף דער וועלט
נאָך ניט געווען.

דעקלאַמירט:

רעגן, רעגן, גוטער רעגן.
גיי ניט מער אויף גאַסן, וועגן.
זאָל שוין בעסער איצט זײַן שיין,
זאָל דער הימל ווערן בלוי און ריין!

עס ווערט ליכטיק אויף דער סצענע.

איין טייבעלע:

איך וועל אַרויספֿליען זען,
וואָס איז אויף דער וועלט געשען.
איך וועל בלויז טאָן אַ בליק
און באַלד זײַן צוריק.

פֿליט דורך, צו מוזיק. קומט צוריק מיט בלעטעלע אין מויל און זאָגט:

קומט טײַבעלעך ווײַס,
קומט טײַבעלעך שיין.
עס זײַנען די גאַסן
שוין טרוקן און ריין.
די וואָלקנס, די שוואַרצע זיי זײַנען פֿאַרשוווּנדן.
בלוי איז דער הימל, עס שײַנט שוין די זון.
הימל און ערד צוזאַמענגעבונדן,
עס גרינען די פֿעלדער, עס בליט דאָרט אַ בלום.

גוט זײַנען מענטשן —
ניטאָ מער קיין שטראָף און קיין זינד.
און גאָט וועט זיי בענטשן:
אַז אַ לייב און אַ שעפּס זאָלן לעבן אַצינד,
אין שלום און ליבע
ווי מאַמע און קינד.

טאַנץ טייבעלעך

ליד: „דאָס טײַבעלע וואָרקעט".

טאַנץ פֿון רעגנבויגנס

איין קינד:

זע נאָר סאַראַ רעגנבויגן!
ס'איז גאָר שווער צום גלויבן
אַז נאָך אַזאַ מין מבול-רעגן,
ווערט מיט ליכט באַגאָסן אַלע וועגן.

נח, זײַנע קינדער און טייל חיהלעך קומען אַרויס פֿון תּיבה.

בלימעלעך קומען אַרויף און זעצן זיך אוים אויף דער סצענע.
(פֿאַרמאַכטע בלומען) הינטער יעדע צוויי בלומען — איין פֿלאַטערל.

די זון שטעלט זיך אין מיטן און זאָגט:

איך בין די זון!
ווי גיך איך קום —
ווערט ליכטיק אומעטום.
כ'האָב אַ פּנים וואָס לאַכט,
איך ברענג דעם טאָג
און וויש אָפּ די נאַכט.
עפֿנט זיך אויף בלימעלעך שיינע!
פֿליט אַרום פֿלאַטערלעך קליינע!
אַוועק שוין דער רעגן,

ניטאָ מער קיין מבול.
עס הייבט זיך אָן אַ טאָג, גאָר אַ נייַער,
פֿאַר אַלע וואָס זייַנען, בעסער און פֿרייַער.

טאַנץ פֿון זון, בלימעלעך און פֿלאַטערלעך

זיי ענדיקן און בלייַבן אויסגעזעצט, אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס, אויף דער סצענע.

איין קינד זאָגט:

עס האָט זיך געענדיקט
דער יום-טובֿ דער שיינער.
עס וועט שוין אין שול
ניט קומען באַלד קיינער.
מיר האָבן וואַקאַציעס אַצינדער.
מיר אַלע, — סייַ לערער, סייַ קינדער!
אַ גוטן טאָג דיר לערערקע,
און אייך חברים קליינע.
אַהיים אין שורה גייען מיר,
מיט לידעלעך מיט שיינע.
אַ גוטן טאָג דיר ליאַלקעלע,
און שפּילצייג אַלע סאָרטן.
ביז איבער אַ יאָר —
און אַ גוטן טאָג —
דעם גאַנצן קינדערגאָרטן!





געסט צו דער אָלימפּיאַדע אין מעקסיקע

איידער עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג, גייען אַרויס, צו מוזיק, (מאַרש) פֿינף קינדער מיט די פֿינף רעדער פֿון דער אָלימפּיאַדע. איינער פֿון רעכטס; איינער פֿון לינקס; איינער פֿון מיטן. די דריי זיינען העכערע. פֿאָרנט: צוויי נידעריקערע קינדער — איינער פֿון יעדער זייט. די קאָלירן פֿון די רעדער: די דריי פֿון הינטן — די קאָלירן פֿון דער מעקסיקאַנער פֿאָן. די צוויי פֿון פֿאָרנט — די קאָלירן פֿון דער ייִדישער פֿאָן. די קאָסטיומען פֿון יעדער קינד — דער זעלבער קאָליר ווי זיין ראָד.

צוזאַמען בילדן זיי אויס דעם סימבאָל פֿון דער אָלימפּיאַדע און גלייכצייטיק — די צוויי פֿענער: מעקסיקע — ישׂראל.

הינטער זיי — אַ קינד מיט אַ שטעקן און אַ ברעט אויף וועלכער עס שטייט אָנגעשריבן 1968.

איין ליכט־עפֿעקט אויף די זעקס קינדער. אַ צווייטע — אויף איין קינד וואָס שטייט אין אַ זייט און זאָגט:

קינד:

פֿינף קינדער
מיט פֿינף רעדער
האָבן צונויפֿגעשטעלט דעם סימבאָל
פֿון דער אָלימפּיאַדע.
פֿון דער גאַנצער וועלט וועלן קומען געסט קיין מעקסיקע.
און מיר, די קינדער פֿון דער פּרץ־שול, וועלן אויפֿנעמען די געסט
און זיי ווייזן אַלע שיינע זאַכן.
אָבער,
מיר בעטן אייך, ליבע טאַטע־מאַמע
פֿון אונדז ניט לאַכן.
ווייל מיר זיינען קליינע קינדער,
און ניט קיין גרויסע מענטשן.

מיר זײַנען נאָר געקומען דאָ,
מיט אַ ברכה,
אַלעמען צום בענטשן.

עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג. די קינדער מאַרשירן אַראָפּ פֿון ביידע זײַטן סצענע.

די דעקאָראַציע:

דער נאָז פֿון אַן אל־על עראָפּלאַן, מיט אַ טרעפּל צוגעשטעלט צו דער טיר, מיט אַ פּאַרענטש. פֿון הינטן — דאָס זעלביקע טרעפּל וואָס מע זעט עס ניט אַרויס.

די זעקס קינדער, מיט די רעדער אַראָפּגעלאָזט שטייען אָן אַ זײַט און זינגען:

הבאנו שלום עליכם

דאָס קינד מיטן שטעקן, וואָס אויף איין זײַט איז געשטאַנען אָנגע־שריבן — 1968, דרייט אוים דעם שטעקן מיטן ברעטל, און אויף דער צווייטער זײַט שטייט אָנגעשריבן:

ברוכים הבאים

עס קומען אַרוים פֿון טירל פֿון עראָפּלאַן:
צוויי פּילאָטן און פֿיר סטיואַרדס מיט די אל־על אוניפֿאָרמען.

טאַנץ פֿון דער עראָפּלאַן־מאַנשאַפֿט

ליד: (סאָלאָ פֿון אַ קינד)

ירושלים של זהב (ערשטע סטראָפֿע)

איצט גייען אַראָפּ די פּאַסאַזשירן:

1. — אַן אַלטיטשקע ייִדישע פּאָרפֿאָלק (זיידע־באָבע)

צו מוזיק פֿון „אַבציק ער — און זיבעציק זי״

טענצעלע

ליד:

דער זיידע מיט דער באָבען
זײַנען קורץ און שיין,
דער זיידע מיט דער באָבען
זײַנען מלא חן.
זיידעניו, באָבעניו
רופֿן זיי זיך צי
ווײַל אַכציק ער —
און זיבעציק זי.

2.— **קיבוצניקעס** — א בחור און א מיידל.

צו מוזיק און טאַנץ פֿון „האָראַ".

3.— **אַ פּאָר טערקן** — אַן ער און א זי. (מיט רויטער פֿעסקע)

4.— **אַן אַמעריקאַנער פּאָר.**

ער — א קליינינקער מיט א געקעסטלטער מאַרינאַרקע, ברילן און א קאמערא.

זי — א הויכע מיט א פֿוטערנעם שאַליקל און א היגטל.
צו מוזיק פֿון „טשאַרלעסטאָן".

5.— **אַ נעגער** (אַפֿריקאַנער)

6.— **צוויי היפּים.**

אַלע פּאַסאַזשירן זינגען:

און מיר זײַנען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער.
און מיר זינגען פֿריילעכע לידער
אוי, אוי, אוי.
און מיר האַלטן זיך אין איינעם

אוי, אוי, זיך אין איינעם,
אַזעלכעס איז ניטאָ בײַ קיינעם,
אוי, אוי, אוי.

די פּאַסאַזשירן שטעלן זיך אויס אין צוויי ווערטיקאַלע שורות.

צווישן די פּאַסאַזשירן קומען אָן „מאַריאַטשים" אָנגעטאָן אין טיפּישע קאָסטיומען, שפּילן אויף גיטאַרעס און זינגען.

איינער פֿון די געסט זאָגט:

אַ דאַנק אײַך, ליבע „מאַריאַטשים". איר האָט געזונגען אין שפּאַניש און מיר האָבן גאָרניט פֿאַרשטאַנען.

לאָמיר זינגען אין יידיש אָדער עברית,
וועלן מיר אַלע גוט פֿאַרשטיין
און דערבײַ אַ טענצל גיין.

זינגען:

פֿון דעם הויכן
גרינעם בערגל
קומט אַ שיין מיידל.
אייגעלעך שוואַרצע האָט זי
און זי טראָגט אַ קורץ קליידל.
איי, איי, איי, איי.
זינג, לאַך, ניט וויין!
ווייל זינגען און לאַכן
דערפֿרייט דאָס האַרץ
און אַלץ אַרום ווערט שיין.

ליד:

לאָמיר אַלע, אַלע אין איינעם
די געסט מקבל פּנים זײַן.
לאָמיר אַלע אין איינעם
לוסטיק און פֿריילעך זײַן.

עס קומט אַרויף אַ קינד, אַ יינגל, אָנגעטאָן ווי אַ וועגווײַזער (גײַד)

און זאָגט:

טײַערע געסט,
ליבע געסט.
איך וועל אײַך ווײַזן
מעקסיקע, דאָס לאַנד —
מיט אירע טענץ און געזאַנג.
קומט, איך וועל אײַך פֿירן.
פֿאַר מיר זײַנען אָפֿן אַלע טירן.
איך קען הונדערט שפּראַכן,
איך וועל אײַך ווײַזן שיינע זאַכן.
שטעלט זיך אַלע אויס אין ריי.
וועל איך אײַך ווײַזן עפּעס נײַ.
גיכער, קומט, עס ווערט שוין שפּעט!
עס הייבט זיך אָן שוין דער באַלעט.

אַלע גייען אַראָפּ פֿון דער סצענע. דעם עראָפּלאַן, וואָס איז אויף רעדלעך, פֿירט מען אַראָפּ.

דעקאָראַציע:

אַ לאַנדשאַפֿט פֿון מעקסיקע — בערג, קאַקטוסן, בלומען, פּאַלמעס אאַ״וו.
עס הייבט זיך אָן דער באַלעט: דרײַ מעקסיקאַנער נאַציאָנאַלע פֿאָלקסטענץ.

איין קינד:

נו, ווי געפֿעלט אײַך
אַזאַ באַלעט פֿון אונדזער קינדער־גאָרטן?

ס׳איז ניט קיין טענצער פֿון קיין קונסט־טעאַטער
און ניט ווי די אַרטיסטן דאָרטן.
מיר גיבן וואָס מיר קענען,
ניטאָ זיך וואָס צום שעמען.
באַלד וועט איר דאָ זען,
גאָר אַ נײַע זאַך:
ס׳איז אַ שטוב מיט אַ דאַך.

אינעווייניק זיצט אַ מיידעלע צווישן בלומען
כ׳וועל אָבער אײַך ניט דערציילן
ווי זי איז אַהער דאָ געקומען.

עס ווערט לײַדיק די סצענע. עס פֿאָרט דורך אַ שיפֿל מיט בלומען. אין שפּיץ פֿון שיפֿל שטייט אַ קינד וואָס שלעפּט עס מיט אַ שטריק. איינער שטופּט עס פֿון הינטן. אין מיטן, צווישן די בלומען, זיצט אַ מיידעלע אָנגעטאָן ווי אַן אינדיאַנערקע. זי האַלט אין האַנט אַ טאַץ מיט פֿרוכט. דאָס שיפֿל האָט אַן אויפֿשריפֿט „סאָטשימילקאָ״.

בײַם זײַט זינגט אַ קינד:

גענגאַנגען איז חנהלע שטיל און פֿאַרחלומט,
צעלאָזן די גאָלדענע האָר.
געגאַנגען, געזונגען,
געברומט שטיל אַ לידל
אַ לידעלע טראַ־לאַ־לאַ.
וואָס זוכסטו דאָ מיידל,
וואָס ווילסטו געפֿינען?
וואָס האָסטו פֿאַרלאָרן אין וואַלד?
איך זוך מאַרגעריטקעס
פֿאַרוויטלט זיך חנהלע
מאַרגעריטקעלעך טראַ־לאַ־לאַ...

עס קומט אַרויף

וועגוויייזער און זאָגט:

איצט שיינע גוטע לײַט
וועל איך אײַך ווײַזן
אַ גרויסן בולפֿײַט.
עס איז אַ שפּיל
פֿון אַ מענטש מיט אַן אָקס
וואָס גייען אַרויס אין אַ באָקס.
איך וויל איר זאָלט געדענקען

אַז איר זײַט אין מעקסיקע געווען
און אַזאַ מין שפּיל געזען.
איר וועט דאַרפֿן שרײַען „אָלע"!
און צום מיטאָג — עסן „מאָלע"...

אונטער די קלאַנגען פֿון שפּאַנישער מוזיק פֿירן צוויי קינדער דורך אַן אָקסנקאַמף (איין קינד ווי דער אָקס; אַ צווייט קינד — דער אָקסנקעמפּער).

זיי גייען אָן מיטן קאַמף אין אַ זײַט און אין מיטן

אַ שפּאַנישער טאַנץ

מע פֿירט צוריק אַרויף דעם עראָפּלאַן מיטן טרעפּל. דורכן מיקראָפֿאָן מעלדעט מען:

הערלאָ! הערלאָ!
פּאַסאַזשירן פֿון אל-על
קאַפּיטאַנען און באַדינער.
די מאַשין איז גרייט, מיר פֿליען אָפּ.
עס רוישן די מאָטאָרן,
מיר זײַנען גרייט צום פֿאָרן.

עס קומען צוריק אַרויף די פּאַסאַזשירן מיט די קאַפּיטאַנען, די סטיואַרדס און די זעקס קינדער מיט די רעדער. אונטער די קלאַנגען פֿון „לאָמיר זיך געזעגענען", זעגענען זיי זיך, גיבן זיך די הענט און נעמען זיך אַרום.

אַ יינגעלע זינגט צו אַ מיידעלע:

זײַ זשע מיר געזונט
מײַן טײַערע כּלה.
נאָך דיר וועל איך בענקען,
מער ווי נאָך אַלע.
אוי, אוי, אוי!
יאַשקע פֿאָרט אַוועק.
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
דער פּאַיעזד גייט אַוועק.

געסט צו דער אָלימפּיאַדע אין מעקסיקע

די פֿינף קינדער פֿאָרמירן ווידער דעם סימבאָל פֿון דער אָלימפּיאַדע.

די פּאַסאַזשירן שטייען — טייל בײַם טרעפּל, טייל אונטן, טייל אויף די טרעפּ, טייל אינעווייניק — בײַם טיר.

דאָס קינד וואָס האָט געגעבן דעם אַרײַנפֿיר,

זאָגט:

אין נאָמען פֿון אונדזער קינדערגאָרטן
זעגענען מיר די טײַערע געסט.
מיר גלייבן אַז איר האָט גוט פֿאַרבראַכט
דאָ אין לאַנד.
ווען מיר וועלן גרעסער ווערן —
וועלן מיר צוזאַמען,
מיטן טאַטן און דער מאַמען,
אין ישׂראל קומען.
דערווייל,
זאָגן מיר שלום.
און שיקן —
פֿאַר די גרויסע — קושן
און פֿאַר די קליינע — בלומען.

צו מוזיק, מאַכן אַלע מיט די הענט, ווי צו זעגענען זיך. שיקן לופֿטקושן. שרײַען **שלום! שלום! להתראות!**

און עס לאָזט זיך אַראָפּ דער פֿאָרהאַנג.





אין לאַנד פֿון חלום

עס עפֿנט זיך איין טייל פֿון פֿאָרהאַנג. דורכן אָפֿענעם טייל, זעט מען, בײַ א טונקעלער ליכטשײַן, ווי א מאַמע וויגט א וויגעלע, צו דער

מעלאָדיע און געזאַנג פֿון:

שלאָף זשע מיר, מײַן יאַנקעלע, מײַן שיינער.
די אייגעלעך, די שוואַרצינקע, מאַך צו.
א ייִנגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך,
זאָל נאָך די מאַמע זינגען אײַ־ליול־ליו.
א ייִנגעלע וואָס האָט שוין אַלע ציינדעלעך,
און וועט מיט מזל באַלד אין חדר גיין,
און לערנען וועט ער חומש און גמרא
זאָל וויינען ווען די מאַמע וויגט אים אײַן.

עס הערט זיך געוויין פֿון קינד.

מאַמע מאַכט ש־ש־ש...

ברומט, אָן ווערטער, די זעלבע מעלאָדיע ביז דאָס קינד שלאָפֿט אײַן.

מאַמע גייט פּאַמעלעך אַראָפּ פֿון סצענע.

פֿאָרהאַנג שפּרייט זיך פֿונאַנדער. ליכט ווערט ביסלעכווייז פֿאַרגרעסערט. א קינד, אין פּידזשאַמעס, גייט אַרויס פֿון וויגעלע און קוקט פֿאַרוווּנדערט אויף אַלץ וואָס ער זעט:

דעקאָראַציע:

קינדיש־פֿאַנטאַסטיש. א שורה מיט פֿאַרשיידענע ליאַלקעס אין אָפֿענע פּושקעס אויפֿן דיל פֿון סצענע — לעבעדיקע קינדער. איבער זיי — ווי א צווייטע פּאָליצע, נאָך אַזאַ שורה ווי אויפֿן דיל — נאָר מיט צייכענונגען. צעשטעלט אין פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס איבער דער סצענע: א

העלפֿאַנט, אַ בערעלע, אַ פֿערדל, אַ העזעלע, אַ קאַטשקע אאַ"וו. — קינדער. צווישן זיי, שטייען אויסגעשטעלט קינסטלעכע חיות. אויך אַ ביציקלעט, פּילקעס און דרײַ וואַנטזייגערס.

ייִנגל קוקט אויף אַלע זײַטן. מאַכט באַוועגונגען פֿון פֿאַרוווּנדערונג און צו מוזיק, שלעפּט ער מיט וויגעלע און פֿאַרשווינדט.

דאָס קינד באַווײַזט זיך באַלד צוריק (אַ צווייט קינד, ענלעך לויט גרויס צום ערשטן, אָנגעטאָן מיט בגד פֿון קינאָ־בילד „אַליווער").

ייִנגל:

מאַמע, מאַמע, זע ווי שיין!
איך בין אין וווּנדערלאַנד אַליין.
ליאַלקעס, שפּילצייג אַלערליי,
ווּ איך גיב זיך נאָר אַ דריי.

גייט צו און דרייט אָן די זייגערס.

ערשטער זייגער:

כ'בין אַ זייגער
אויף דער וואַנט
און איך קלינג אַלץ נאָכאַנאַנד:
טיק־טאַק; טיק־טאַק!

צווייטער זייגער:

כאָטש איך רעד,
אַ גאַנצן טאָג,
בלויז צוויי ווערטער
כ'זאָג און זאָג:
טיק־טאַק, טיק־טאַק!

דריטער זייגער:

טרעפֿט אַז קינדער
שלאָפֿן שפּעט,
קלינג איך: צײַט
אַרויס פֿון בעט!
טיק־טאַק, טיק־טאַק!

טאַנץ פֿון דרײַ גרויסע זייגערס,

צו וועלכע עס קומען צו

זעקס קליינע זייגערלעך.

עס באַווײַזט זיך אַ קרעמער — מיט אַ פֿאַרטעך, וואָנצעס, פֿאַרקאַטשער־טע אַרבל און אַ היטל מיט אַ קאַזיריקל.

קרעמער:

קויפֿט קויפֿט קונים,
איך האָב אײַך צו פֿאַרקויפֿן,
אַ פֿערדעלע, אַ וועגעלע
צום רײַטן און צום לויפֿן.
קויפֿט, קויפֿט קונים
קונים קומט אַהער.
איך האָב אויך צום פֿאַרקויפֿן
אַ קאַטשקע מיט אַ בער.

עס קײַקלען זיך אַרויס קאַטשקעלעך.

איין קאַטשקע זינגט:

(די אַנדערע שטייען אין אַ זײַט און קוואַקען).

שיינע, קליינע קאַטשקעלעך,
שווימען אויפֿן טײַך.
איינס הינטערן אַנדערן,
אין אַ שורה גלײַך.
קוואַ־ראַ־קוואַ־קוואַ.
אין אַ שורה גלײַך.

צווייטע קאַטשקע זאָגט:

שאַ, געגנוג געזונגען!
לאָמיך עפּעס זאָגן.
ווײַל דו ווייסט דאָך,

אַז מיר, די קאַטשקעס
האָבן ליב אַ סך צום ריידן.
קוואַ־קוואַ, קוואַ־קוואַ
ריידן אָן אַ שיעור.
אָט געפֿינט זיך דאָ אַ בער,
לאָמיר רופֿן אים אַהער.
און ווי גיך ער וועט דאָ קומען,
וועט ער אָנהייבן צו ברומען.
נאָר מיר דאַרפֿן זיך ניט שרעקן
ער וועט בײַ אונדז קיין האָניק דאָ ניט לעקן.

בער נעמט זיך שווער באַוועגן און ברומען. לויפֿט נאָך, וועלנדיק כאַפּן די קאַטשקעס. זיי קוואַקען און לויפֿן אַוועק פֿון אים.

בער:

איך בין אַ גרויסער, שטאַרקער בער!
אַ גאַנצן ווינטער בין איך געשלאָפֿן.
אָבער קאַטשקעס לאָזן מיר ניט רוען;
בין איך געקומען, זען וואָס זיי טוען.
זע איך — קאַטשקעלעך ווי קינדער,
שפּילן זיך און לאַכן.
וועל איך דאָ מיט זיי,
אויך זיך פֿריילעך מאַכן.
נאָר איך בין ניט אַליין —
משפּחה מײַנע קום צו גיין!

עס קומען אַרויף אַ מאַמע־בער און אַ קליין בערעלע.

ליד:

די מאַמע־בער גייט פֿאָרנט
און בערעלע נאָך איר.
די מאַמע גייט פּאַמעלעך
און בערעלע גאָר גיך.
פֿרעגט בערעלע דער מאַמען:
בו־בו, בו־בו, בו־בו!
ענטפֿערט אים די מאַמע:
בו־בו, בו־בו, בו־בו!

מאַמע־בער:

איך בין די מאַמע־בער.
און דער טאַטע — איז ער!
און דאָס איז דער קליינער בערעלע,
וואָס מיר רופֿן אים שמערעלע;
ווען מיר טאַנצן איצט צוזאַמען —
די קאַטשקעס און דער בערעלע,
דער טאַטע מיט דער מאַמען.

טאַנץ — קאַטשקעלעך און דריי בערן.

עס גייען אַרויף אַכט רײַטערס. מאַרשירן דורך דער סצענע און מאַכן א גימנאַסטישע פּיראַמידע. יעדער אין מאַרש, גייט נאָך זײַן פֿערדל און זיי שטעלן זיך אַלע אויס אין א שורה.

איין רײַטער זאָגט:

און די שפּיל פֿון חלום
גייט אָן ווײַטער.
מיר וועלן איצט אײַך ווײַזן
א געיעג פֿון פֿערד,
אָנגעפֿירט דורך אונדז — די קליינע רײַטער.

ליד: „האָפּ, האָפּ, האָפּ, פֿערדל אין גאַלאָפּ".

איבער ברייט פֿון סצענע, האַלטן צוויי קאַטשקעלעך א רויטע סטענגע. פֿון זײַט, שטייט דאָס קינד פֿון חלום מיט אַן אַפּאַראַטל און נעמט בילדער. א צווייט קינד גיט א פֿײַף און מאַכט מיט א פֿענדל.

טאַנץ: געיעג פֿון פֿערד.

דער ערשטער וואָס קומט אָן צו דער סטענגע, שרייען אַלע קינדער אויס: בראַוואָ, בראַוואָ! און אַפּלאָדירן.

עס גייט אַרויס א מיידעלע מיט א קראַנץ בלומען, טוט עס אָן דעם געווינער, גיט אים א קוש און זאָגט:

מיידעלע:

דו האָסט עס זייער גוט געמאַכט.
ביזט דער בעסטער רייַטער פֿון אַלע אָבט.
דערפֿאַר בין איך אַהער געקומען,
געבן דיר אַ קראַנץ פֿון בלומען.
און איצט וועל איך דיר עפּעס זאָגן:
לאָז צו רו דעם פֿערד און וואָגן.
אַנשטאָט צו זייַן דער בעסטער שפּילער —
בעסער זייַן דער ערשטער שילער.

געווינער זאָגט: „אַ דאַנק, אַ דאַנק" בייגט זיך פֿאַרן עולם. און די אַלע — אַראָפּ!

אויף דער סצענע שטייען פֿון פֿריִער, צוויי העלפֿאַנטן און צוויי קעסטלעך מיט צוויי פּאַיאַצן אינעווייניק. צו מוזיק, שפּרינגען אַרויס די פּאַיאַצן פֿון די קעסטלעך און די צוויי העלפֿאַנטן הייבן זיך אָן באַוועגן צו דער זעלבער ריכטונג. עס קומען אַרויף נאָך העלפֿאַנטן און טענצע־רינס. (אָנגעטאָן ווי די וואָס גייען אויף אַ דראָט אין צירק).

טאַנץ פֿון העלפֿאַנטן מיט טענצערינס.

פֿון פֿאָרנט מאַכן פּאַיאַצן קאָזשעלקעס.
עס זאָל מיט זיך פֿאַרשטעלן אַ קליינע סצענקע פֿון אַ צירק.
אַ צווייטער פּאַיאַץ צימבלט מיט טעלער.
אַ דריטער פּאַיאַץ קומט אַרויף מיט אַ פֿידעלע און זינגט:

ייִדל מיטן פֿידל
אריה מיטן באַס.
שפּיל מיר אויף אַ לידל
אויפֿן מיטן גאַס.
איַי, איַי, איַי!
איַי, איַי, איַי!
שפּיל מיר אויף אַ לידל
אויפֿן מיטן גאַס.

פּאַיאַץ הערט אויף שפּילן. נעמט אונטער דעם אָרעם דאָס פֿידעלע, צוזאַמען מיטן סמיטשיק און זאָגט:

פאַיאַץ:

שאַ — — (מאַכט מיטן האַנט)

איצט קומט אַ באַרימטער קונצנמאַכער:
מײַן גוטער חבר — פֿו־מאַן טשו.
ער קומט אַהער פֿון לענדער אַלערלײ
צו ווײַזן קונצן איינס און צוויי.

צו צוגעפּאַסטער מוזיק, קומט אַרויף אַ קונצנמאַכער. מע רוקט אים צו אַ קעסטל פֿאַרמאַכט פֿון דרײַ זײַטן און אָפֿן נאָר פֿון הינטן, די זײַט וואָס צו אים. אין קעסטל ליגן קינדער־העזעלעך.

ער טוט אויס זײַן צילינדער און ווײַזט דעם עולם אַז ס'איז ליידיק. דער צילינדער האָט אַ דעקל אינעווייניק, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ קליין העזעלע. ער מאַכט: „האָקוס, פּאָקוס, מאַראָקוס!" דעקט צו צילינדער מיט אַ טיכל, מאַכט באַוועגונגען מיט אַ שטעקעלע און שלעפּט אַרויס דאָס העזעלע. נייגט זיך, ווען מען אַפּלאָדירט אים נאָכן ווײַזן דעם קונץ.

אין דער זעלבער צײַט, הייבן אָן אַרויסשפּרינגען פֿון דעם קעסטל קינדער־העזעלעך. קונצנמאַכער מאַכט מיט שטעקעלע, דיריגירט מיטן טאַנץ.

טאַנץ פֿון העזעלעך

ליד:

מיר זײַנען העזעלעך,
מיר עסן גרעזעלעך.
מיר טאַנצן, שפּרינגען
האָפּ־האָפּ, האָפּ־האָפּ.

קרעמער זינגט:

אברהמעלע, אברהמעלע
האָט אַ שיינע קרעמעלע.
פֿערדעלעך און ציגעלעך,
און ליאַלקעס אין די וויגעלעך.
אוי איז דאָס אַ קראָם!

אוי איז דאָס אַ קראָם!
קוקט נאָר אָן דעם באַלעבאָס —
מע רופֿט אים ר׳ אברהם!

אַלע זינגען דאָס זעלבע ליד נאָך אַ מאָל.
דער קרעמער שטייט מיט גאווה, האַלט די גראָבע פֿינגער אונטער די פּאַכוועס און דרייט זיך צום טאַקט.

קרעמער:

איר האָט געזען און געהערט
כמעט אַלץ פֿון מײַן קראָם.
און איידער איך שליס דעם געשעפֿט,
שטייען ליאַלקעס אויבנאָן,
וואָס ווילן אויך עפּעס טאָן.
וועל איך אַ פּאַטש טאָן מיט די הענט —

(גיט אַ פּאַטש) —

און שיינע ליאַלקעלעך,
באַווײַזט אונדז וואָס איר קענט!

פֿון די קעסטלעך גייען אַרויס די ליאַלקעס און הינטער זיי — שורות פֿון די זעלבע, איינע הינטער די אַנדערע. איין שורה ליאַלקעס — קלאַסישע. (פֿון די צײַטן פֿון לוי דעם 15טן). די צווייטע שורה — הײַנטצײַטיקע — מיט צעפּעלעך און היטעלעך אויף וועלכע עס איז אויסגעמאָלן אַ פּנים פֿון הינטן.

טאַנץ: מאָדערנע ליאַלקעס. מעלאָדיע: „הבה נגילה".

טאַנץ: קלאַסישע ליאַלקעס. (מינועט)

די ליאַלקעס וואָס זײַנען געשטאַנען פֿריער אין די קעסטלעך, גייען צוריק אַרײַן אין זיי. די איבעריקע — גייען אַראָפּ.

עס ווערט טונקל אויף דער סצענע. דער קרעמער מאַכט באַוועגונגען ווי ער וואָלט פֿאַרמאַכט דאָס געשעפֿט.

פּראָזשעקטאָר באַלויכט איין ווינקל. קינד אין פּידזשאַמע שלעפּט צוריק אַרויף ווינעלע. לייגט זיך צוריק אַרײַן אין בעטעלע. מאַמע קומט ווידער אַרויס און בייגט זיך איבערן קינד, צו זען צי ער שלאָפֿט.

דאָס אַלץ — צו ליד, געזונגען דורכן מיקראָפֿאָן:

פֿון דעם הימל צוגעשיקט
אַ ייִנגעלע מיר.
מיט אַן אוצר מיך באַגליקט
איך ליב אים אָן אַ שיעור.
ליכטיק איז פֿאַר מיר מײַן וועלט
פֿול מיט זונענשײַן.
ער איז מיר טײַערער פֿון אוצרות געלט,
טײַער ייִנגעלע, דו מײַן!
אוי, האָב איך אַ ייִנגעלע
אַ מלאכל, אַ שיינס.
אויגן ווי צוויי שטערנדלעך
אַ נשמהלע אַ ריינס.
ליבער גאָט איך בעט ביי דיר:
היט אים אָפּ,
פֿאַר מיר, פֿאַר מיר!
אוי, האָב איך אַ ייִנגעלע
אַ מלאכל אַ שיינס!

עס פֿאַרמאַכט זיך, ביסלעכווײַז, דער פֿאָרהאַנג.





יידישע יום־טובים אין די פיר צייטן פון יאָר

עס ווערט טונקל אין זאַל. פאַרן פאַרמאַכטן פאָרהאַנג

זאָגט אַ קינד:

מען האָט אונדז געלערנט אין שול,
אַז די וועלט מיט וווּנדער איז פול.
דער הימל אין פרילינג איז בלוי,
און ווינטער, באַווייזן זיך וואָלקנס אין גרוי.
אין האַרבסט פאַלט אַ רעגן, ס'איז נאַס,
מע קען זיך ניט שפילן אין גאַס.
זומער איז הייס, ליכטיק און שיין,
ס'איז אַ מחיה, פאַר גרויס און פאַר קליין.
מיר וועלן היינט שפילן,
און זינגען אין כאָר,
צו ווייזן אייך אַלע —
די פיר צייטן פון יאָר.

עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג. דעקאָראַציע — פרילינג. אַ בוים מיט קנאָספּן אין אַ זייט. אויף דער סצענע זיצן קינדער — בלומען, פייגעלעך און בינען — אָנגעטאָן אין בונטיקע קאָלירן.

ליד — (סאָלאָ)

דאָס טייבעלע וואָרקעט,
דאָס טייבעלע רופט,
שטייט אויף קינדער
ליכטיק און פריש איז די לופט.
די פייגעלעך זינגען,

אין וואַלד און אין טאָל,
עס הערן זיך לידער
אַרום און אַ צאָל.
עס בליען די ביימער,
עס שפּראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פֿרילינג
דער פֿרילינג געקומען.

טאַנץ בלומען, פֿייגעלעך און בינען.

איין קינד

מיר זיינען שיינע בלימעלעך,
מיר בליען אין דעם גאָרטן.
רויטע, ראָזע, ווייסינקע
בלומען אַלע סאָרטן.

נאָכן טאַנץ, זאָגט אַ קינד:

אין יעדער צייט פֿון דעם יאָר
האָבן מיר אַ יום־טובֿ
אַ שיינעם ביז גאָר.
פֿרילינג איז פּסח
מיט מצות און ווייַן,
אַ סדר צו מאַכן —
און פֿריילעך זאָל זיין.

צו מוזיק פֿון „טייערע מלכּה" — הייבט זיך אָן די סצענע — סדר־נאַכט.
אַ מאַמע מיט צוויי קינדער גרייטן דעם סדר־טיש. אַ ווייסער טישטעך,
לייכטער, בלומען, וויין, מצות און אַ קישעלע פֿאַר דער היסבֿ־בעט.

אַ יינגעלע, ווי אַ טאַטע, אָנגעטאָן מיט יאַרמולקע קומט אַריין. זאָגט:

גוט יום־טובֿ, גוט יום־טובֿ,
אַ פֿריילעכן פּסח!

ער מאַכט די ברכה איבערן וויין.

די צוויי קינדער זינגען „מה־נשתּנה״

עס באַווייזט זיך דאָס געשטאַלט פון אליהו־הנביא.

אונטער די קלאַנגען פון ליד „אליהו הנביא״ שפּאַצירט ער דורך· די קינדער באַגלייטן אים. צו דער מעלאָדיע פון „טײַערע מלכּה״ נעמען זיי אַראָפּ די פּסח־מאַטיוון פון דער סצענע.

עס הייבט זיך אויף די דעקאָראַציע פון פרילינג און עס לאָזט זיך אַראָפּ די דעקאָראַציע פון זומער.

(פּעלד מיט געבונדענע זאַנגען). עס בײַט זיך דער בוים — אַ בוים מיט צעבליטע בלומען און גרינע בלעטער. אין דער זעלבער צײַט

רעדט אַ קינד:

איך קום דער זומער אָן, דער צווייטער,
בלייבט דאָ רויִק זיצן.
ברענג איך געלע תּבֿואה־זאַנגען,
ברענג איך גרויסע היצן.

שבֿועות־טאַנץ (זאַנגען, בלומען און פרוכטן)

ליד:

פּסח אוועק,
שבֿועות געקומען.
וואַרעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען;
נאָר אויף צוויי טעג
איז שבֿועות געקומען,
גייט ער אוועק —
בלייבן אונדז בלומען.

צו מוזיק, קומט אַרויס אַ גרופּע קינדער אָנגעטאָן אין באַדקאָסטיומען. טייל האַלטן גומענע רעדער, אַנדערע — עמערלעך מיט לאָפּאַטקעס. אויך אַ צוויי גרויסע פּילקעס.

טאַנץ — קינדער בײַם ים.

ליד:

קומט דער ליבער זומער, זומער
שפּילן מיר אין זאַמד;
אַ ייִנגעלע, אַ מיידעלע
טאַנצן זאַלבענאַנד.
שוואַרצע קאַרשעלעך רײַסט מען,
און גרינע לאָזט מען שטיין.
אַלע קינדערלעך טאַנצן
און קיינער בלײַבט ניט אַליין.

אַ קינד מיט אַ קאַטערינקע און אַ מאַלפּעלע

טאַם־טאַם־טאַם, טאַם־טאַם־טאַם...

קינדער לויפן נאָך קאַטערינטשיק.

עס בייט זיך די דעקאָראַציע. **האַרבסט.** עס לאָזט זיך אויף אַראָפּ אַ בוים מיט געלע בלעטער.

איין קינד:

איך קום דער דריטער, איך בין האַרבסט
און שטעל זיך מיט מײַן שלעכטן וועטער:
ברענג איך רעגנס, קאַלטע ווינטן
ברוינע געלע בלעטער.
איך בין אַ ביסל טונקל, אָבער ניט קיין שלעכטער.
אפשר ניט ווי זומער אַזוי שיין,
אָבער כ׳זאָג אײַך, אָן געלעכטער —
אַז איך האָב מײַן אייגענעם חן.

עס לויפט אַרויף אַ קינד מיט אַ שירעמל.

זאָגט:

ס׳איז אַ ווינט מיט אַ שטורעם,
ס׳איז אַ שלעכטער וועטער,
שטייט אַ בוים דאָרט אַליין
פאַלן זיינע בלעטער.

אַ צווייט קינד זינגט:

בלאָזט אַ ווינטל
או הו הו,
שפּילט זיך מיט די בלעטעלעך,
זיי פאַלן פון די ביימעלעך,
און טאַנצן אין אַ ראָד.
ס׳איז דער האַרבסט געקומען שוין,
מיט צוויי גוטע פריינד —
אַ ווינטל און אַ רעגנדל
טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ.

טאַנץ פון קינדער מיט שירעמלעך.
(אונטערן עפעקט פון רעגן)

ליד:

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
רויטע פּאַמעראַנצן!
אַז עס גייט אַ רעגנדל,
גלוסט זיך מיר צום טאַנצן.

אַז עס גייט אַ רעגנדל,
ווערן נאַס די שויבן;
גיי איך אויף דער גאַס אַרויס,
טריפּט עס מיר פון אויבן.

גיי איך אויף דער גאַס אַרויס,
הייב איך אָן צו גלאַנצן,
נאַס דער שטערן, נאַס די פּיס,
אויסגעגנעצט אין גאַנצן.

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן;
אַז עס גייט אַ רעגנדל,
גלוסט זיך מיר צום טאַנצן.

אַ גרופּע קינדער הייבט אָן, אין אַ זײַט בויען אַ סוכּה, מיט אַ לייטער און סכך.

אַ קינד זאָגט:

אין אָט דער צײַט פֿון יאָר,
פֿאַלט אויס דער יום־טובֿ סוכּות.
בויען מיר אַ סוכּה
מיט אַ גרינעם דאַך,
פֿאַרטיקע פֿיר ווענט
באַדעקן מיר מיט סכך.

הענגען אויס פֿרוכט און פּאַפּיר־באַפּוצונגען

זינגען:

אַ סוכּה, אַ קליינע,
פֿון ברעטלעך געמיינע,
האָב איך קוים
מיט צרות געמאַכט.
באַדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך
און כ׳האָב מיר אַ סוכּהלע, אַ פּראַכט.

צום ליד „קינדער מיר האָבן היינט שמחת־תּורה", מיט פֿענדעלעך, עפּל און ליכט, מאַרשירן זיי אַראָפּ און צענעמען אליין די סוכּה.

עס בײַט זיך די דעקאָראַציע: — ווינטער.

בוים באַדעקט מיט שניי.

אַ קינד זאָגט:

כ'קום דער פֿערטער אָן — דער ווינטער.
מאַכט פֿאַר מיר אַ וואַרע!
ברענג איך גרויסע פֿרעסט און קעלטן,
ביימער — הוילע, דאַרע.
איך קום אַ מידער פֿון די ווײַטע וועגן.
פּעק מיט שניי איז מײַן פֿאַרמעגן,
איך באַפֿוץ מיט דעם די וועלט —
לאַכן קינדער פֿון דער קעלט!
קלייבן קינדער ווײַסן שניי,
מאַכן קונצן אַלערליי.
האָבן ליב דעם ווינטער ווי אַ זיידן,
ווילן זיך פֿון אים ניט שיידן.

טאַנץ — שנייעלעך.

צו צוגעפּאַסטער מוזיק לויפֿן אַרויף קינדער, אָנגעטאָן ווי גליטשערס. אַ פּאָר פֿירן אַ שליטל.

צוויי קינדער פֿירן אַרײַן, אָן אַ זײַט, אַ שניימענטש. זיי באַפּוצן אים. (צילינדער, שאַליקל און לולקע.)

אַ קינד זאָגט:

איינס און צוויי,
מיר האָבן דאָ
אַ מענטש פֿון שניי.
מיט די הענט ער קען ניט רירן,
מיט די אויגן קוקט ער קרום.
האָט אַ מויל און דאַרף ניט עסן,
קען ניט ריידן און איז שטום.

שמואל און װעלע זאַבלודאָװסקי

טאַנץ פֿון קינדער־גליטשערס.

פֿון צװײטער זײַט־סצענע, ברענגען קינדער אַרױס אַ פֿענצטער, מיט אַ חנוכּה־לאָמפּ, פֿון אינעװײניק. עס װערט טונקל אױף דער סצענע. עס צינדן זיך אָן, אײנציקװײַז, די אַכט חנוכּה־ליכטלעך. די קינדער־גליטשערס בלײַבן אױף דער סצענע, אױסגעשטעלט און אױסגעזעצט אין פֿאַרשײדענע פּאָזיציעס.

דורכן מיקראָפֿאָן הערט זיך אַ קול:

ליכטעלעך, ליכטעלעך, ליכטעלעך אַכט,
אין דער פֿינצטער, אין דער נאַכט.
װאָס באַדײטן ליכטלעך אַכט?
גיב־זשע קינד מײַנס, גיב אַ טראַכט!
יעדעס ליכטל איז אַ פֿלאַם
פֿון נצחון פֿון דײַן שטאַם.
פֿאַקלען פֿלאַמען אין דער נאַכט
האָבן פֿרײַהײַט אונדז געבראַכט.

עס װערט צוריק ליכטיק אױף דער סצענע.

ליד: (סאָלאָ)

צינדט דער טאַטע ליכטעלעך,
װערט פֿרײלעכער אין הױז.
ס׳איז חנוכּה, ס׳איז חנוכּה,
פֿרײט זיך קלײן און גרױס!

יעדן טאָג אַ ליכטעלע,
ביז מיר האָבן אַכט.
דרײדל, דרײדל דרײען מיר
ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַלע זינגען — „חנוכּה אױ חנוכּה"...

בעת מען זינגט, קומען אַרױף די גרופּעס פֿון די פֿיר צײַטן פֿון יאָר און שטעלן זיך אױס אין אַ האַלבן קרײַז.

אַ קינד זאָגט:

אָט זײַנען אַלע שפּילער
געקומען פֿון דאָ און דאָרטן.
ייִנגעלעך און מיידעלעך
פֿון אונדזער קינדער־גאָרטן.
פֿרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער,
איז אַ יאָר צוזאַמען.
געענדיקט לערנען, געענדיקט שפּילן,
איצט גייען מיר צו טאַטע־מאַמע.

אַלע זינגען:

גוט יום־טובֿ אײַך
גוט יום־טובֿ אײַך
גוט יום־טובֿ אַלעמען
גוט יום־טובֿ אײַך.
אַ גוט יום־טובֿ
גוט יום־טובֿ אַלעמען.

שלום־עליכם — עליכם שלום

דעקאָראַציע:

אַ קליין שטעטל. פֿון איין זײַט — אַ יידל מיט אַ פֿידל וואָס פֿליט איבער די קוימענס. פֿון צווייטער זײַט — אַ קו מיט אײַטערס און אַ פּאָר עמערס פֿון מילך. אין מיטן — אַ טיפּ ווי טביה.

סצענע:

אַ קליין שטיבל מיט אַ דאַך. פֿון הינטן — טרעפּ וואָס פֿירן עטוואָס איבערן שטיבל. ווען עס עפֿנט זיך דער פֿאָרהאַנג, שטייט איבערן דאַך אַ טיפּ — מנחם־מענדל מיט אַ פֿידעלע. פֿון הינטער סצענע שפּילט פּלאַטע דעם אָנהייב פֿון „פֿידלער אויפֿן דאַך". מנחם־מענדל מאַכט מיטן פֿידעלע ווי ער וואָלט עס געשפּילט.

איין קינד לויפֿט אַרויס און זאָגט:

שלום־עליכם, עליכם־שלום!
מיט אַ פֿידלער אויפֿן דאַך.
ס'איז אַ שפּיל פֿון אמת
און פֿון חלום —
ס'איז גאָר אַ מאָדנע זאַך!
אָבער, דאָקטוירים הייסן לאַכן,
טאָ לאַכט מיט אונדז אַ סך.

קינד איבערן דאַך זאָגט:

איך בין מנחם־מענדל.
שלום־עליכמס אַ פֿרײַנד.
איר געדענקט מיך אַלע פֿון אַמאָל,
איר קענט מיך אויך גוט הײַנט.
איך בין ניט געקומען דאָ אַליין —

אויך דער שטיפער מאָטל איז מיט מיר.
און דער גוטער טבֿיה,
שטייט שוין ביַי דער טיר.

עס באַוויַיזט זיך מאָטל און זינגט:

יידל מיטן פֿידל,
יאָסל מיטן באַס,
שפּיל זשע מיר אַ לידל אויפֿן מיטן גאַס.
אוי, אוי, אוי,
אוי, אוי, אוי,
שפּיל זשע מיר אַ לידל,
אויפֿן מיטן גאַס.

עס קומט אַרויף טבֿיה מיט אַ פֿערדל און וועגעלע.

זינגט:

וויאָ, וויאָ, פֿערדעלע,
וויאָ, וויאָ, טיַיערער.
האַלט נאָר דאָס קעפּעלע הויך.
וויאָ, וויאָ, פֿערדעלע,
וויאָ, וויאָ, טיַיערער.
וויאָ!
אַז גיין זאָל אַ רויך.

טבֿיה דערגייט ביז צום מיטן סצענע. שטעלט זיך אָפּ און רעדט צום פֿערד: (גיט אים אַ גלעט).

נו, ריר זיך שוין פֿון אָרט
דו גרויסער פֿאַרדינער מיַינער.
וואָס? דו האָסט שוין ניט קיין כּוח?
איך דאַרף דאָך חתונה מאַכן מיַינע טעכטער
און ס׳איז שוין גאָרניט קיין געלעכטער.
ביזטו שוין מיד,
פֿערד דו גרויסער!
טאָ קום מיט מיר,
וועלן מיר ביידע שלעפֿן.

פירט אראָפּ פּערדל פֿון צווייטער זײַט, צו מוזיק פֿון „וויאָ, וויאָ פּערדעלע". פֿון שטיבל גייט אַרויס אַ **שניידערל און זינגט:**

בין איך מיר אַ שנײַדערל,
רופֿט מען מיך ר׳ גאָדל.
צי איך מיר אַזוי אַרײַן
אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל.
מאַך אין עק אַ קניפּעלע,
ניי און ניי כּסדר.
אָט־אַזוי און אָט־אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טו־ראַ־רײַ, טו־ראַ־רײַ,
ניי איך מיר די קליידער.

טאַנץ פֿון שניידערלעך.

פֿון צווייטער זײַט קומט אַרויס אַ **שוסטערל.**

זינגט:

אַ העמערל, העמערל קלאַפּ.
קלאַפּ גיכער, די טשוועקעס, קלאַפּ גיך.
אויף מאָרגן מוז פֿאַרטיק שוין זײַן,
פֿאַר יומטובֿ די קינדערשע שיך.
אַ העמערל, העמערל קלאַפּ.
ניט גלימש פֿון מײַן האַנט זיך אַרויס.
מײַן איינציקער שפּײַזער ביזטו,
פֿון הונגער אָן דיר גיי איך אויס.

טאַנץ פֿון שוסטערלעך.

ליד:

(סאָלאָ)

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופֿט מען מיך ר׳ מיכל.

נעם איך מיר אַזוי דעם אָל,
און שטעק אַריַין אין שיכל.
מאַך איך זויל אַ לעכעלע,
שטעק אַריַין אַ טשוועקל.
אָט-אַזוי און אָט-אַזוי,
קלאַפּ איך מיטן העקל.
טו-ראַ-ריַי, טו-ראַ-ריַי
קלאַפּ איך מיטן העקל.

עס בלײַבן אויף דער סצענע בלויז דער שנײַדער מיטן שוסטער.
עס קומען אַרויף אַ מאַמע מיט אַ קינד. גייען צו צום שנײַדער.

מאַמע:

איך וויל פֿאַרן קינד אַן אָנצוגל אויף יום-טובֿ.

דער שניידער נעמט אַ גרויסע שער, אַ פּאַפּירענע מאָס און מעסט.

מאַמע:

לענגער — נאָך לענגער! ברייטער, — נאָך ברייטער! די הייזעלעך ניט פֿאַרשמעלן. די קאַפּאָטקע זאָל זײַן גרוים גענוג!
אָט אַזוי!
זשאַלעוועט ניט קײַן סחורה, ווײַל אַ קינד וואַקסט!

זי גייט מיטן קינד צום שוסטער.

מאַמע:

איך וויל פֿאַרן קינד אַ פּאָר שטיוועלעך אויף יום-טובֿ.

שוסטער שטעלט זיך אויף איין קני און נעמט אַ מאָס.

מאַמע:

לאָזט צו אַ ביסעלע! נאָך! נאָך! וואָס, איר זשאַלעוועט אַ שטיקעלע לעדער!?

אָט אַזוי, אָט אַזוי! עס זאָל אים ניט קוועטשן אין די פינגער.

מאַמע זאָגט צום קינד:

וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? גיי בעסער אין חדר.

אַניט וואָס ווערט פון דיר אויסוואַקסן? אַ גאָרניט מיט אַ נישט!

זיי גייען אַראָפּ.

שוסטער און שניַידער אַרבעטן צו מוזיק (פּלאַטע אָדער געזונגען דורכן מיקראָפאָן) פון „אַז די יום־טובֿדיקע טעג".

דאָס קינד לויפט צוריק אַרויף.

ער זאָגט צום שניַידער:

איך וויל אַ שפּאַלט!

שניַידער:

אַ שפּאַלט? ווי אַ שפּאַלט? פון פאָרנט צי פון הינטן?

קינד:

אַ שפּאַלט פון הינטן. און אַ קעשענע וויל איך. אַ שפּאַלט מיט אַ קעשענע.

דאָס קינד גייט צו צום שוסטער. זאָגט:

איך וויל די שטיוועלעך זאָלן סקריפּען.

שוסטער:

וועסט אַרייַנטאָן אַ ביסעלע צוקער וועלן זיי סקריפּען.

קינד:

נאָר צוקער?

שוסטער:

צוקער מיט בראָנפֿן, וועלן די שטיוועלעך מאַכן סקריפּ,
סקריפּ! סקריפּ! סקריפּ!

קינד:

אַ גוטן טאָג שניידערל.
אַ גוטן טאָג שוסטערל. פֿאַרגעסט ניט וואָס כ'האָב אײַך
געבעטן.

לויפֿט אַראָפּ.

עס קומען אַרויף חברה קינדער. זינגען:

„קינדער מיר האָבן הײַנט שמחת-תורה"

טאַנץ פֿון קינדער מיט פֿענער

עס קומט אַרויף קאַפּעלע, אַ ווײַנענדיקער.

איין קינד:

וואָס וויינסטו יינגעלע?

קאַפּעלע:

מען האָט מיר פֿאַרברענט מײַן פֿאָן.

צווייט קינד:

ווי רופֿט מען דיך, יינגעלע?

קאַפּעלע:

מען רופֿט מיך טאַפּעלע טוטאַריטו.

דריט קינד:

קינדער, הערט א מאָדנעם נאָמען! ווי?

קאָפּעלע:

(שרייַט) טאָפּעלע! טאָפּעלע טוטאריטו!

איין קינד:

מסתמא מיינט ער קאָפּעלע קוקאריקו.

קאָפּעלע:

דאָס האָב איך דאָך טאקע געמיינט — טאָפּעלע טוטאריטו (וויינענדיק).

צווייט קינד:

איך וויים ניט צי ער וויינט ווייַל מען האָט אים פֿארבערענט זייַן פּאָן, צי ווייַל ער קען ניט גוט ריידן.

די קינדער רינגלען ארום קאָפּעלען און זאָגן:

קום קאָפּעלע. וויין ניט מער. קום מיט אונדז! (גייען אראָפּ).

עס קומט ארויס מנחם־מענדל מיט א טעקע און א שירעם. ער נעמט ארויס פֿון טעקע א בריוו און א קאָנווערט. טוט אָן א פּאָר ברילן און לייענט פֿון בריוו. בשעת ער לייענט, שטעלן קינדער אויס א יאריד: א קאטערינקעשיק מיט א מאלפּע, א טישל וווּ עס שטייט אָנגעשריבן „קוואס", א צווייטער טיש — מיט אויפֿשריפֿט „פּראשעק פֿאר מייַז". א דריטער — מיט א צייכענונג פֿון א הון און א קאטשקע.

מנחם־מענדל לייענט פֿון בריוו:

טייַערע, ליבע שיינע־שיינדל;
וואָס מאכן אלע אין קאסרילעווקע?

איך בין געזונט, דאָס זעלבע פֿון דיר צו הערן. געשעפֿטן מאַך איך גאָר גרויסע און זייער גוטע. באַלד וועט דאָ זײַן אַ גרויסער יאַריד. עס וועלן דאָ זײַן סײַ מענטשן, סײַ ווײַבער און סײַ חיות. וועט דאָ זײַן פֿריילעך, אַז איך קען דיר גאָרניט באַשרײַבן.

זײַ געזונט.

דײַן גוטער מאַן — מנחם־מענדל.

טאַנץ פֿון מאַרק־יידענעס

קאַטערינטשיק דרייט זיך דורך דער סצענע.

מאָטל:

(וועלכער שטייט בײַם טיש פֿון קוואַס שרײַט:)

קוואַס, קוואַס!
קויפֿט פֿרישן קוואַס
קאַלט און נאַס.
יידן אַ געטראַנק
טעם גן־עדן.
אַזאַ יאָר אויף מיר,
אויף אײַך,
און אויף אונדז ביידן.

עס גייט צו איינע פֿון די יידענעס:

גיב מיר אַ גלאָז קוואַס.

מאָטל:

איין מינוט. איך גיב דיר שוין!

גיט איר אַ גלאָז קוואַס (מיט אַ קאָכלעפֿל). ווען זי טרינקט, דערגיסט ער וואַסער. ווען זי דרייט זיך אָפּ, דערגיסט ער פֿון גרויסער קעסל זייפֿפֿודער און שרײַט ווײַטער:

קוואַס, קוואַס!
קויפֿט פֿרישן קוואַס
קאַלט און נאַס.
יידן אַ געטראַנק
טעם גן־עדן.
אַזאַ יאָר אויף מיר
אויף אײַך,
און אויף אונדז בײדן!

עס קומען צו צוויי פֿרויען און זאָגן:

גיב אונדז קוואַס.

זיי פֿאַרזוכן עס. שפּייען אויס און גיבן אַ געשריי:

אוי, אַ בראָך!
סאַ מיאוסער טעם,
אַזוי ווי זייף!
דאָס איז קוואַס?

טאַנץ פֿון קאַטשקעס

ליד: „שיינע, קליינע קאַטשקעלעך"

טאַנץ פֿון הון און הינדעלעך

ליד: „פֿינעף קליינע הינדעלעך"

עס לויפֿן אַרויס מײַזעלעך.

שטעלן זיך אויס אין אַ שורה בײַם טיש פֿון „פֿראַשעק פֿאַר מײַז"
עס גייט צו איינע פֿון די יידענעס און פֿרעגט:

און וואָס איז דאָס, מאָטל?

מאָטל:

ליִיענט, וועט איר וויסן:
פראַשעק פֿאַר מײַז.

איין מײַזעלע:

אָ — דאָס איז פֿאַר אונדז?
גיב מיר אַ ביסעלע.

טאַנץ מײַזעלעך

מײַזעלעך דרייען זיך אַרום. שיטן אַרײַן פּראַשעק אין די פּיסקעלעך און הייבן אָן ניסן — אַפּטשי! אַפּטשי!

אַלע ניסן: — אַפּטשי! אַפּטשי!

איין יידענע זאָגט:

מאָדנע סחורה
פֿאַרקויפֿט מען דאָ.
וויל מען טרינקען קוואַס,
האָט עס ניט קײַן טעם.
אַנשטאָט וואַסער אין דער פֿאַס,
גיט ער אונדז גאָר פֿאַר מײַז אַ סם.

רוסישער טאַנץ

קינדער נעמען צו טישלעך פֿון יאַריד. עס קומען אַרויף אַ **שדכן** מיט טביהן מיטן פֿערדל.

טביה:
נו, מײַן פֿערד —
דער יאַריד איז שוין געענדיקט.
די שטיי און שוויַיג,
און רעד גאָרניט.

איך גיי חתונה מאַכן מײַן טאָכטער האָדל.
זײַ באַקאַנט
מיט אונדזוער באַרימטן שדכן, ר׳ נתן
וואָס האָט געבראַכט פֿאַר מײַן טאָכטער אַ חתן.

ליד פֿון שדכן:

יאָמע, יאָמע,
זינג מיר אַ לידעלע.
וואָס דאָס מיידעלע וויל.
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנדל האָבן,
דאַרף מען גיין דעם שדכן זאָגן.
יאָ, מאַמעשי יאָ,
דו קענסט מיך גוט פֿאַרשטיין,
דו ביזט אַ גוטע מאַמע —
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין.

עס קומען אַרויף פֿינף קלעזמער:

איינער מיט אַ פֿידעלע.
איינער מיט אַ באַס.
איינער מיט אַ פּויק.
צוויי מיט פֿײַפֿלעך.

מוזיק: „חתן־כלה מזל־טובֿ!"

פֿיר קינדער קומען אַרויס מיט חופּה־שטאַנגען. האַלטן זיי צו.

מע פֿירט אַרויף **חתן־כלה.**

מע צעברעכט גלאָז. קינדער שרײַען: — מזל־טובֿ! מזל־טובֿ!

מע נעמט צו די **חופּה־שטאַנגען.**

מוזיק: „מחותנים גייען, קינדער".

עס קומען אָן די מחותנים.

שמואל און װעלע זאַבלאָזאָװסקי

ליד: „מחותנסטע מײַנע".

טאַנץ — אַ שערעלע

חתן־כּלה אין מיטן. דער כּלה הײבט מען אויף מיטן שטול.

אײן קינד זאָגט:

שוין געענדיקט דער יאַריד,
די חתונה אַריבער.
אַ סוף צו שפּיל און ליד,
און אַ הײם שוין װידער.
אין נאָמען פון טביהן,
אין נאָמען פון מנחם־מענדלען
און שײנע־שײנדלען,
און אין נאָמען —
פון אַלע מײַנע חברים,
זאָגן מיר אײַך: —
שלום־עליכם!